זון אויפגאנג — 7.31
זון אונטערגאנג — 5.54

די איינציקע אידישע צייטונג אין מערב קאנאדע עטאבלירט אין 1910 דערשיינט יעדן טאג

דאס אידישע ווארט

THE GATEWAY OF THE WEST

THE ISRAELITE PRESS

The Only Jewish Newspaper in Western Canada Established 1910. Published DAILY

וועטער: קלאר און מילד

Vol. 20, No. 37. Winnipeg, Thur. February 20, 1930. Published daily except Saturday and Sunday. דערשיינט יעדן טאג חוץ שבת און זונטאג — דאנערשטאג כב שבט, תר"צ.

THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY FEB 26 1930 ASTOR, LENOX AND TILDEN FOUNDATIONS

רומענישע מאכט באמיט זיך צו בארואיקן קישינעווער אידן

היכשער פראצענט אידישע קינדער קריגן אידישע דערציאונג

(ספעציעל פאר "דאס אידישע ווארט")

באלטימאר, פעב. 20 (איטא).— די לאגע פון דער אידישער דערציאונג אין אמעריקא איז גאר ניט אזוי שלעכט ווי מען מיינט, און א סך א גרעסערער פראצענט אידישע קינדער קריגט א אידישע דערציאונג פון וועלכן ס'איז סארט ווי עס ווערט געווינלאך אנגענומען.

די דאזיקע דערקלערונג האט דא געמאכט דר. דזשולויוס ב. מאלער, פונ'ם לערער קאלעדזש פון ני־יארק, אין א רעדע פאר א קאנפערענץ פון רעליגיעזן אונטערריכט פארבאנד, וואו עס זיינען פארטראטן פארשטייער פון אידן, קאטאליקן און פראטעסטאנטן.

אויפ'ן באזיס פון אן אנקעטע וואס דר. מאלער האט דורכגעפירט צווישן די קינדער אין א גרויסער צאל ניו־יארקער שולן, האט ער אויסגעפונען, אז 69.6 פראצענט ענגלאך און 37,2 פראצענט מיידלאך קריגן וועלכע ס'איז פארם פון אידישער דערציאונג.

—(::)—

ליטעראטור אוונט פון קולטור געזעלשאפט

א געמיינשאפטלאכער ליטעראטור אוונט פון אלע דריי צווייגן פון דער אידישער קולטור־געזעלשאפט וועט דא דורכגעפירט ווערן איבערמארגן פרייטאג פעב. 28טן, 8.30 אוונט, אין פרץ־אינסטיטוט, מיט אן אפענער איינלאדונג צו אלע פריינט צו קומען און באטייליקן זיך אין דעם אוונט.

אידישער רויטער ארמייער באגייט זעלבסטמארד ווייל ער האט ניט געקאנט פא־טראגן אנטיסעמיטיזם

מאסקווע, פעב. 20 (איטא).— דוד שוחט, רויט־ארמייאישער סאלדאט, איז באגאנגען זעלבסטמארד, ווייל ער האט ניט געקאנט מער אויסהאלטן פון די אנטיסעמיטישע פארפאלגונגען.

אין מאסקווע איז איצט געגרינדעט געווארן א ספעציעלער רויט־ארמייאישער סעמינאר, צו באקעמפן דעם אנטיסעמיטיזם וואס האט זיך לעצטנס שטארק פארשפרייט צווישן די סאלדאטן. יעדער סאלדאט וועט דארפן באזוכן פינף לעקציעס אינ'ם סעמינאר, וואו מען וועט אים באקאנען מיט דער סאוועטישער פאליטיק בנוגע נאציאנאלע מינדערהייטן דעם הינטערגרונט פון אנטיסעמיטיזם און דער נוצלאכער ראל וואס די אידן שפילן ווי ארבעטער און קאלאניסטן.

שלעכטע אויסזיכטן אין די אידישע קאלאניעס

מאסקווע, פעב. 20 (איטא).— די אויסזיכטן אויף פרילינג זריעה זיינען זייער שלעכט אין די אידישע קאלאניעס פון די געגנטן פון דזשאנקאי, אדעס און קאלינינדארף, ווייל די קאלעקטיוויזירטע קאלאניעס דארפן זיינען ניט באזונדערס נייגעריק צו איילן זיך מיט די פארבארייטונגען פאר דער פארזייאונג פון די פעלדער.

דער אגרא־דזשאינט וועט דעם פרילינג ברייגנען זעכצן נייע טראקטארן פון אמעריקא פאר די קרימער קאלאניעס. אין גאנג אויף אויסגעבן דארטן 750 טויזנט רובל. די סאוועט רעגירונג וועט

סיטי קאונסיל הויבט אן באטראכטן פאדערונג פאר העכערע קאר פעירס

די ספעציעלע קאמיסיע פון סיטי קאונסיל, באשטימט צו באטראכטן די פאדערונג פון דער וויניפעג עלעקטריק קא. פאר העכערע "קאר־פעירס" אדער באפרייאונג פון געוויסע שטייערן, האט נעכטן געהאט איר ערשטע זיצונג. אלד. ע. ט. ליטש איז אויסגעקליבן געווארן פארזיצער.

די פארזאמלונג האט איבערגעגעבן א רעזאלוציע פארגעשלאגן פון אלד. דזשירווארד צום סיטי טרעזשורער, ה. סי. טאמפסאן, און צום סאליסיטאר, דזשול פרודהאם, בעטנדיק זיי צוצוגרייטן די פאלגנדיקע אינפארמאציעס וועגן דער וויניפעג עלעקטריק קא. :

די פינאנציעלע פאזיציע פון דער קאמפאני, איז קאפיטאליזאציע און אירע אבליגאציע און סטאק אויסגאבן, אירע פארדינסטן און פארלוסטן פון איר אינקארפאציע אין 1892 ביז צום סוף 1929, אלע באדינגונגען פון איר קאנטראקט און סופלעמענטארע אפמאכן מיט דער שטאט, און א. וו.

אין ענטפער אויף אן אנצוהערעניש אז די שטאט קאן איבערנעמען די טראמוויי סיסטעם, האט אלד. מעקערטשאר געזאגט, אז אויב די קאמפאני קאן ניט מאכן די סיסטעם צאלן פאר זיך, וועט די שטאט זיכער דאס ניט קאנען טאן.

אלד. סימפסאן האט געזאגט, אז דער וואוקס פון "פעירס" אין אנדערע שטעט איז אממערסטן דער רעזולטאט פון פאליטישן גרעפט.

די קאמיסיע וועט האבן א צווייטע זיצונג קומענדיקן מאנטאג.

חתונה פון רומענישער פרינצעסן אפגעלייגט, ביז די רעגירונג וועט אויסגעפינען מער וועגן דעם חתן

ס'איז גארניט אזוי לייכט צו זיין א פרינצעסן אויף דער וועלט. אויסער וואס זי דארף פאלגן טאטע־מאמע מער ווי א געוויינלאכע מיידל, מוז זי נאך אויף פאלגן וואס די רעגירונג הייסט. אפילו ווען דאס האט צו טאן מיט ליבע, — און מיניסטארן, בידוע, ווילן ניט וויסן פון ליבע־שמיבע . . .

מיט אייניקע וואכן צוריק האט פרינצעסן איליאנא, פון רומעניע (אגב אונזערע אן אלטע באקאנטע, — מיט אייניקע יארן צוריק איז זי דא געווען מיט איר מוטער, קעניגין מערי), — מיט אייניקע וואכן צוריק האט זי אנאנסירט, אז זי איז פאר'קנס'ט געווארן צו א דייטשן גראף, פאן האכבערג.

האט זיך דאס פאלק מסתמא געפרייט מיט דער גרויסער שמחה, וואס מען האט דערלעבט דעם נחת אויסצוגעבן די מיזיניקע, אבער באלד האט זיך צעטראגן די טרויעריקע בשורה, אז דער שידוך איז צוליב וועלכער ס'איז אורזאך בטל געווארן, און אויס חתונה.

פרעמיער מאניו, ווערט באריכטעט פון בוקארעסט, האט זיך דאן בארעטן מיט דער כלה און מיט איר מוטער, און דערנאך האט ער צו זיך איינגעלאדן די צייטונגס לייט. צוערשט האט ער זיי געזאגט מיט'ן הארבן ווארט "פאסאך שין שא !" — מען דארף וועגן דעם ענין צופיל ניט ריידן, ווייל דאס קאן פארשאדן. דערנאך האט ער זיי באפולמעכטיקט צו בארואיקן דאס רומענישע פאלק ; דער שידוך איז ניט בטל געווארן דערוויילע, נאר די חתונה איז בלויז אפגעלייגט געווארן.

די רעגירונג האט דער פרעמיער געזאגט, וויל בלויז אויסגעפינען מער איינצלהייטן וועגן דעם חתן. אויב ער האט א וועלכע ס'איז פגימה אויף זיין רעפוטאציע, דאן וועט די רעגירונג "ראטן" דער פרינצעסן קעגן דעם שידוך.

—(::)—

מזל טוב

א זון געבארן צו מר. און מרס. ווינאקור. מוטער און קינד אין בעסטן צושטאנד אין גריים האספיטאל.

א סך דעקלאסירטע פון אוקראינע וועלן אויך צוריקקריגן וואל־רעכט

פעטראווסקי, פרעזידענט פון אוקראינע, שילדערט קאטאסטראפאלע לאגע פון אידישע דעקלאסירטע און פאדערט פארלייכטערונגען פאר זיי. — פארשטייער פון מאכט דערקלערן, אז מינסקער רבנים זיינען ארעסטירט געווארן ניט צוליב רעליגיעזע טעטיקייטן, נאר פאר פארבינדונגען מיט אויסלענדישע קאנטער־רעוואלוציאנערן. — יעווסעקציע פירער וועלן ניט דערלאזן מען זאל ארייגפירן מצה אין לאנד.

(ספעציעלע טעלעגראמע צו "דאס אידישע ווארט" פון "איטא")

מאסקווע, פעב. 20 (איטא). — פעטראווסקי, פרעזידענט פון אוקראינער "וציק", האט היינט ביי א זיצונג פון דעם סעקרעטאריאט געזאגט אז געוויסע קאטעגאריעס פון געוועזענע אידישע סוחרים דארפן צוריק באקומען זייער וואלרעכט, ענלאך צו יענע וואס האבן עס צוריק געקראגן פון דעם מאסקווער "וציק", דעם דרייצנטן יאנואר.

ביי דער דאזיקער זיצונג האבן א צאל רעדנער אנגעוויזן אז דער צושטאנד פון די דעקלאסירטע אידן אין אוקראינע איז א שרעקלאכער.

פעטראווסקי האט אויך דערקלערט וועגן דעם צושטאנד פון דער דעקלאסירטער אידישער יוגנט אין אוקראינע און ער האט פארגעשלאגן אז מען זאל צולאזן די רעכטלאזע אידישע יוגנט אין די פאבריקן.

גארלינסקי, א מיטגליד פונ'ם אוקראינער "ציק" האט פארגעשלאגן, אז די געזעצן וועגן שטימ־רעכט זאלן רעוויזירט ווערן צו גונסטן פון די דעקלאסירטע אידען.

פעטראווסקי'ס און גארלינסקי'ס רעקאמענדאציעס זיינען גוטגעהייסן געווארן און א טעכנישער קאמיטעט פון אוקראינער "וציק" וועט אויסארבעטן דעטאלן אין דעם ענין.

מינסק, פעב. 20 (איטא). — עס איז דא היינט געמאכט געווארן אן אפיציעלע דערקלערונג אז די היגע רבנים זיינען ניט ארעסטירט געווארן צוליב זייערע רעליגיעזע אנשויאונגען, אדער וויל זיי זיינען רעליגיעזע פירער, נאר דערפאר ווייל זיי האלטן אן סודות'דייקע פארבינדונגען מיט קאנטער־רעוואלוציאנערע ארגאניזאציעס אין אויסלאנד און דערפאר זאל עס ניט אויסגעטייטשט ווערן אלס אנטי ־ רעליגיעזע פארפאלגונג.

עס ווערט פארשטאנען אז די ארעסטירטע וועלן גע'משפט ווערן איינגיבן אויף דער אפיציעלער קלאגע פאר ארויסגעבן אנטי־סאוועטישע אינפארמאציע אין אויסלאנד, וואס איז זייער אן ערנסטער פארברעכן.

מאסקווע, פעב. 20 (איטא). — אידישע קאמוניסטישע פירער האבן היינט אויפגעפאדערט דעם האנדלס קאמיסאריאט אז ער זאל ניט דערלויבן קיין אימפארט פון מצות פאר אידן אין סאוועט רוסלאנד ווי דאס איז געטאן געווארן לעצטן יאר.

"מיר פאדערן און מיר ווארנען — ווערט אין זייער אויפפאדערונג געזאגט — אז דער האנדלס קאמיסאריאט זאל ניט האנדלען דאס יאר ווי לעצטן יאר צו העלפן אידישע רעאקציאנערן אין אויסלאנד צו שיקן מצות קיין סאוועט רוסלאנד".

אין קווינס טעאטער

מארגן, פרייטאג און שבת אוונט, פירט אויף די קווינס טעאטער טרופע צום ערשטן מאל אין וויניפעג, "רחל'ע", אפערעטע אין צוויי אקטן און א פראלאג.

די פארוואלטונג מעלדעט אז זיי זיינען געלונגען צו אראנזשירן א טייל פון דעם וויניפעגער אידישן געזאנגס פאראיין וואס וועט זיך באטייליקן אין דעם באר ווי אויך א פארגרעסערטן ארקעסטער.

די קווינס טעאטער פארוואנזירער וועטלען האבן די געלעגנהייט צו זעען אן אמוזירנדיקע אפערעטע און הערן שיינע לידער און מוזיק.

—(::)—

פרץ הירשביין אין וויניפעג ארום מארץ 21

דער גרויסער אידישער שריפטשטעלער פרץ הירשביין, וועלכער האט זיך ניט לאנג צוריק אומגעקערט פון א פינפיאריקער רייזע ארום דער וועלט, ווערט דערווארטעט אין וויניפעג ארום ד ע ם 21טן מארץ. אונטער אויפזיכט פון דער קולטור געזעלשאפט, וועט ער דא האלטן אייניקע אדער מער לעקציעס. מער איינצלהייטן וועלן שפעטער אנאנסירט ווערן.

—(::)—

ארבעטער פאלט טויט פארנדיק אהיים אין סטריט־קאר

הערי דזשאנס, 620 טשווירטש סט. 54 יאר אלט, א וואגאנען פאררייכטער, איז נעכטן, 5.10 אוונט, געפאלן טויט אין סטריט קאר, אויפ'ן וועג אהיים, ארום קוועלטש סטריט. ער איז אפגעטראגן געווארן אין א דערבייאיקער דראגסטאר און דער קאראנער, דר. ספיטשלי, איז איינגעלאדן געווארן. דער לעצטער האט אים אנערקענט פאר טויט.

מר. דזשאנס איז געווען קראנק עטלאכע וואכן צייט, אבער לעצטן מאנטאג האט ער זיך צוריקגעקערט צו דער ארבעט. ער האט איבערגעלאזן א פרוי און דריי דערוואקסענע זין.

—(::)—

וועטער נביאים דערווארטן א פריען צוזאמענברוך פון ווינטער

וועטער נביאים דערווארטן, אז דער ווינטער זאל שוין מער ניט קומען צוריק דאס יאר, און זאגן פאראויס א פרי־פרילינג.

נעכטן איז דער טאג ווידער געווען זייער א מילדער, און רעגנס זיינען געגאסן אין א סך פונקטן אין סאסקאטשעוואן. די פאראויסזאגונגען זיינען פאר דער פארזעצונג פונ'ם מילדן וועטער היינט.

אויף אין מזרח קאנאדע שטייט איצט א פרילינג ענלאכער וועטער.

—(::)—

באשטעטיקן די עקסצעסן

ווין, פעב. 20 (איטא).— די רומענישע פרעסע, אפילו די רומענישע נייעס־אגענטור, "ראדאר", באשטעטיקט די באריכטן וועגן די לעצטע אנטי־אידישע עקסצעסן אין קישינעוו.

אויף א פלענארער זיצונג פון דער קישינעווער קהלה און אויף אן עפנטלאכער פראטעסט פארזאמלונג איז אונטערדריקט געווארן א פראטעסט קעגן דער פאסיווער שטעלונג פון דער פאליציי בעת די עקסצעסן.

צענטראל פאראיין פון דייטשע אידן קענען אידישער נאצ. ארבעט

(ספעצ. טעלעג. צו ד.א.וו. דורך "איטא")

בערלין, פעב. 20 (איטא).— אז דייטשלאנד איז דער צענטער פון זייער פאליטישן און קולטורעלן לעבן, און דערפאר זאגן זיי זיך אפ פון באטייליקן זיך אין שער פראפאגאנדע אדער אריינטרעטן אין דער אידישער אגענטור, — איז די דערקלערונג געמאכט פונ'ם צענטראל־פאראיין פון דייטשע אידן, אויף זייער יערלאכער פארזאמלונג וואס ווערט דא אפגעהאלטן.

די פארזאמלונג האט אנגענומען אן איינשטימיקע רעזאלוציע, אפזאגנדיק זיך פון וועלכע ס'איז נאציאנאלע אספיראציעס, איינשליסנדיק פאלעסטינער ארבעט.

—(::)—

סעסיע פון פארלאמענט עפנט זיך היינט

אטאווא, פעב. 20.— מיט די געוויינלאכע צערעמאניעס עפנט זיך היינט די פערטע סעסיע פונ'ם 16טן פעדעראל־פארלאמענט. ביי דער געלעגנהייט וועט פארגעשטעלט ווערן די ערשטע פרוי אין סענאט, מרס. ווילסאן, און אויך דער נייער סענאטאר ראבט. פארק, געוועזענער אימיגראציע מיניסטער.

רעגירונגס פארשטייער באזוכן רבי צירלסאן און דריקן אויס באדויערן פאר אנטיסעמיטישע אויסברוכן.

(ספעצ. טעלעג. צו ד. א. וו. דורך "איטא")

ווין, פעב. 20 (איטא).— די רומענישע רעגירונג און די בעסאראביער מאכט באמיען זיך איבערצוצייגן די אידן פאר די לעצטע קישינעווער עקסצעסן און צו בארואיקן זיי.

נעכטן האבן דער מיניסטער פאנהאליפא, פאליציי פרעפעקט האלבאן און דער בירגערמייסטער רענגרעסקו באזוכט רבי צירלסאן אין ביורא פונ'ם ראבינאט און זיי האבן אויסגעדריקט זייער טיפן באדויערן פון דער רעגירונג און פון דעם רומענישן פאלק פאר די לעצטע אנטיסעמיטישע אויסברוכן. פאנהאליפא האט דערביי פארזיכערט, אז ס'איז ניטא קיין אנטיסעמיטישע באוועגונג אין רומעניע, און האט אנגעוויזן אויף דעם פאקט, אז די רעגירונג גרינדעט איצט א אידישן לערער סעמינאר אין קישינעוו, וואס דערוויזט, אז דאס רומענישע פאלק איז קעגן דעם אנטיסעמיטיזם.

דער מיניסטער האט געבעטן רבי צירלסאן צו אנאנסירן צו די אידישע קהלות און צו פראקלאמירן אין די שולן, אז די מאכט איז ניט שולדיק אין די לעצטע אויסברוכן.

רבי צירלסאן האט צוגעזאגט איבערצוגעבן דעם מיניסטערס דערקלערונגען צו א ספעציעלער פארזאמלונג פון די רבנים.

1,306 ארבעטסלאזע פארעגיסטרירט געווארן אין וויניפעג

אויף וויפיל די ארבעטסלאזיקייט איז ערנסט אין וויניפעג, איז צו זעען פון דעם, וואס 1,306 ארבעטסלאזע זיינען געווען פארעגיסטרירט אין שטאט. פעב. 15. אין פארגלייך מיט 450 די זעלבע צייט לעצטן יאר. נאטירלאך, זיינען דא א היבש ביסל ארבעטסלאזע, וואס פארעגיסטרירן זיך ניט.

לויט'ן באריכט פון מרס. סטיוארט העי, סעקרעטארן פון דער שטאטיקער ארבעטסלאזיקייט קאמיסיע, האט די שטאט געגעבן ארבעט צו 498 פון די פארעגיסטרירטע, אויף די גאסן, אינ'ם האלץ־לאגער און ביי דער אפראמונג פון דעם וועג פאר די נייע הײדרא טראנסמיסיע ליניעס.

דער באריכט ציינט, אז ביז פעב. 17טן האבן זיך 27 מיידלאך געווענדעט צום קאמיטעט נאך הילף. 13 פון זיי האבן זיך אפגעזאגט פון אנגעבאטענער ארבעט און צוויי זיינען מיט ארבעט פארזארגט געווארן און פיר האבן אליין געפונען ארבעט.

—(::)—

צוויי אידישע דעפוטאטן אין פוילישן סיים און סענאט פארלירן זייערע מאנדאטן

ווארשע, פעב. 20 (איטא) .— דער העכערער געריכט האט בטל געמאכט די פארלאמענטארישע וואלן וואס זיינען אפגעהאלטן געווארן אין מארט מאנאט, 1928 אין וואליניע, אנולירנדיק דערביי די מאנדאטן פונם דעפוטאט מיסליקצי און סענאטאר ל. דאל, צוויי פון די אידישע קאנדידאטן וועלכע האבן זיך צוריקגעקערט אין די אלגעמיינע וואלן צום רעגירונגס בלאק.

קירשנבוים איז איצט דער איינציקער אידישער מיטגליד פונ'ם רעגירונגס בלאק אין פארלאמענט.

—(::)—

גנב רוקט אליין אריין זיין האלז אין פעטליע

לאנדאן, אנט., פעב. 19. — דזשאזעף מאנסי, אן אינדיאנער, ווי עס ווערט דערציילט, האט זיך אייגנעבראכן אין א צעל פון געפענגעניש, צו גנב'ענען בעטגעוואנט. מר. מור, אינדיאנער אגענט און אויפזעער פון דער געפענגניש, האט ניט געדארפט קיין סך מטריח זיין זיך צו ארעסטירן דעם בעל־דבר: אלץ וואס ער האט געטאן איז — ער האט פארמאכט און פארריגלט די טיר פון צעל פון דרויסן, איידער יענער האט צייט געהאט אנטלויפן מיט'ן בינטל בעטגעוואנט.

הינגע פרוי שלינגט אראפ צ ײ ן בערשטל און ווייס ניט ווי

מרס. ד. וויזמאן, 302 באן־אקארד בלאק, האט געהאט א מערקווירדיקע דערפארונג: זי האט לעצטן מאנטאג אראפגעשלונגען א ציין־בערשטל, און מען האט איר גלייך געמוזט מאכן אן אפעראציע, ארויסצונעמען דאס בערשטל. איצט פילט זי זיך שוין גוט, און וועט באלד ארויסגעלאזן ווערן פון סט' באניפייס שפיטאל. וואוהין מען האט זי אפגעפירט.

ווי אזוי דאס האט פאסירט, ווייס זי אליין ניט גענוי. זי האט גערייניקט די ציין, און געדיינקט, אז מיטאמאל האט זי דערפילט ווי דאס בערשטל שטעקט אין האלז און שטיקט זי. זי האט זי ניט געקאנט ארויסשלעפן, האט זי זי אראפגעשלונגען.

ווען זי האט עס באלד דערציילט דעם דאקטאר, האט ער איר ניט געוואלט גלויבן. אן עקס־ריי שטראל אונטערזוכונג האט אבער געוויזן, אז דאס בערשטל ליגט ביי איר אין מאגן. די אפעראציע איז דערנאך ניט געווען קיין שווערע, און מען האט דאס בערשטל ארויסגענומען.

היימישע קארטן פארטיע ענדיגט זיך מיט מארד פון פארם ארבעטער

אלדס, אלבערטא, פעב. 20. — מרס. ארנעסאן, פון א קליינער פארם־היים דא, דערציילט אזוי די מעשה :

זי און איר מאן, וועלכער איז 58 יאר אלט, זיינען געזעסן ביים טיש ביי א פארטיע אין "ראמי" מיט פעט בעסט, א יונגער פארם ארבעטער. מיטאמאל האט ארנעסאן א ווארף געטאן די קארטן און איז ארויס אין דרויסן. באלד האט זיך דערהערט א שאס, און א קויל, דורכגייענדיק דורכ'ן פענסטער, האט געטראפען בעסטן, וועלכער איז געפאלן א טויטער.

מרס. ארנעסאן, מורא האבנדיק פאר א צווייטן שאס, האט אויסגעלאשן דעם לאמפ. דערנאך איז זי צוגעגאנגען צום פענסטער און האט געזען, ווי איר מאן זעצט זיך רייטנדיק אויפ'ן פערד און פארט אוועק.

ארנעסאן איז אין דער פינסטער געפארן צום שטעטל אלדס, וואו ער איז ארעסטירט געווארן פונ'ם לאקאלן פאליציסט, און וועט אפשר אנגעקלאגט ווערן אין מארד, אויפ'ן וועג איז ער געפארן ארום און ארום כדי אויסצומיידן די פראווינציעלע פאליציסטן, וואס זיינען געפארן אים ארעסטירן.

די אורזאך וואס האט געפירט צו דעם מארד איז נאך דערוויילן ניט קלאר געווארן, די אויספארשונג ווערט איצט געמאכט.

אגב - אורחא

פון מארק

וואס עס קאסט צו קאלאניזירן

אט האט איר א שטיקל חשבון:

אין סאוועט רוסלאנד זיינען דא הונדערטער טויזנטער דעקלאסירטע, און די סאוועט־רעגירונג וואלט זיי גערן אוועקגעגעבן צו יעדן איינעם, וואס וואלט געקומען און געבעטן זיי.

וואלט געווען א יושר, אז מען זאל א טייל פון זיי כאטש ארויספירן פון רוסלאנד, און באזעצן זיי ערגעץ אנדערש. אבער וואוהין ?

קיין ארץ־ישראל איז ניט שייך. די פאלעסטינער קאלאניזאציע קאסט טייערער, ווי וועלכע ס'איז אנדערש. א ראיה, די "אגענטור" וועט אין אמעריקע און אין אנדערע לענדער דאס יאר דארפן שאפן, לויט אירע פלענער, פיר מיליאן דאלאר פאר פאלעסטינע, און די ציוניסטן האלפן צו באזעצן אויף דעם געלט בלויז נאך צוויי טויזנט אידן.

וואס זשע דען — האט מען געדארפט א טרייסל טאן די רייכע מומע "איקא". זאל זי, הייסט עס, באזעצן אידן אין דרום אמעריקע, — אין מעקסיקא, אין ארגענטינע, אין בראזיליע און א. וו.

* * *

נייז, דאס רייד איך ניט פאר זיך. דאס זאגט צבוין אין זיינע "אידישע אינטערעסן" אין "פארווערטס" פון דער וואך.

וואס איז שייך מיר, בין איך, צוערשט, גאר ניט זיכער, אז די סאוועט רעגירונג וועט אזוי גערן ארויסלאזן די דעקלאסירטע אידן פון לאנד.

פארוואס זאל זי זיי ניט ארויסלאזן ? דאס ווייס איך ניט. איך ווייס בלויז, אז פאר א אידן צו עמיגרירן פון סאוועט־פארבאנד איז שווער, ווי "שפאלטן דעם ים". אויף וויפיל דיר סאוועט רעגירונג האט קיין חשק ניט צו צעשיידן זיך מיט אירע "ליבע דעקלאסירטע" איז צו זעען פון דעם, וואס זי פארלאנגט פון איינעם פאר אן אויסלענדישן פאספארט ניט וויניקער ווי דריי הונדערט רובל.

אפשר איז דאס צוליב דער זעלבער אורזאך, פארוואס מען לאזט ניט עמיגרירן קיין רשעים פון גיהנום: מען דארף זיי שמייסן מיט אייזערנע ריטער, פאר זייערע אמאליקע עבירות . . .

דאס איז די ערשטע זאך. והשנית: בין איך גאר ניט אזוי איבערצייגט ווי ה' צבוין, אין זיינע אנטי־ציוניסטישע אינטערעסן, אז די פאלעסטינער קאלאניזאציע קאסט טייערער, ווי וועלכע ס'איז אנדערש.

* * *

דער חשבון וואס מיר האבן אויבן דערמאנט ציינט, אז די אגענטור רעכנט צו באזעצן איין אידישן פארדינער (וועגן דעם האנדלט זיך עס דאך) פאר צוויי טויזנט דאלאר.

נאטירלאך, איז דער חשבון ניט קיין גענויער. דער גרעסטער טייל פון דעם ציוניסטישן בודזשעט גייט ניט דירעקט פאר קאלאניזאציע צוועקן, נאר פאר שיידענע אנדערע אנסטיטוציעס, וואס האבן א שייכות מיט דעם אידישן ישוב און מיט דער ציוניסטישער טעטיקייט בכלל.

אבער לאמיר אננעמען, אז דער חשבון איז אין דער אונטערשטער שורה פארט א ריכטיקער.

אויב אבער דאס וואלט אזוי געווען, דאן וואלט עס געמיינט, אז די באזעצונג פון אידן אין ארץ־ישראל קאסט גאנץ ביליק :

צו קאלאניזירן א אידישע פאמיליע אין קאנאדע, קאסט דער "איקא" טאקע צווישען זעקס און אכט טויזנט דאלאר. — און קאלעגע צבוין האט געמאגט וויסן וועגן דעם, איידער ער האט געמאכט זיין באהויפטונג . . .

* * *

מען קאן, אמת, אנווייזן, אז דער ישוב אין ארץ־ישראל האט אפגעקאסט א ריזיקען פארמעגן, מיט ניט קיין איבעריקס גרויסע רעזולטאטן.

ווי איר זאלט אבער ניט רעכענען, האט דער ישוב ניט געקאסט קיין זעקס — אכט טויזנט דאלאר פער פאמיליע, און, ווי איר זאלט ניט רעכענען, טרעפט שוין איצט דאס פארמעגן פונ'ם אידישן ישוב ווייט איבער דעם אינוועסטמענט מיט די פראצענטן.

נאטירלאך, אז בלויז א טייל פון דעם נייעם ישוב איז באזעצט געווארן אויפ'ן באדן, און צו באזעצן א שטאטיקע באפעלקערונג קאסט א סך ביליקער, ווי א דארפישע.

אבער צו שאפן דעם באזיס פאר דער שטאטיקער באפעלקערונג קאסט אויך זייער טייער, און, אגב, קאסט שוין איצט צו קאלאניזירן אידן אין ארץ־ישראל א סך ביליקער, ווי מיט פערציק יאר צוריק, — עס איז דא דער באזיס. עס זיינען שוין דא די קאנאלן פון האנדלס פארקער און א. וו. — זאכן, וואס מען האט געדארפט שאפן פון גארנישט.

* * *

אין בירא בידזשאן איז אויסגעגעבן געווארן ביז איצט עפעס איבער צוויי מיליאן רובל, און בלויז ארום צוויי הונדערט פאמיליעס זיינען דארט קאלאניזירט געווארן, — און זיינען דערוויל אויף צרות.

אט האט איר קאלאניזאציע, וואס איז בשום אופן ניט ביליקער ווי די פאלעסטינער, — אפילו ווי זי איז געווען מיט פערציק יאר צוריק.

קיין מציאות איז קאלאניזאציע וועט ה' צבוין ערגעץ ניט געפינען היינטיקע צייטן.

זיכער איז ניט שייך צו ריידן וועגן איבערפירן די הונדערטער טויזנטער דעקלאסירטע פון רוסלאנד קיין ארץ־ישראל. אבער פונקט אזוי איז ניט שייך צו ריידן וועגן קאלאניזירן א באדייטנדיק טייל פון זיי אין דרום אמעריקע.

זיי קאנען געהאלפן ווערן בלויז אויפ'ן פלאץ.

THE ISRAELITE PRESS

The only Jewish Newspaper in Western Canada.

אידישע ווארט

Office and Place of Business: New Israelite Press Bldg., 165 Selkirk Ave. East
Published daily except Saturday and Sunday
ENTERED AS SECOND-CLASS MAIL MATTER AT OTTAWA
Subscription: $6.00 per year
Est. 1910 Phones: 55 409—52 213
Winnipeg — Manitoba

א פאספארטן סיסטעם אונטער א מאסקע

פרעזידענט גרין, פון דער אמעריקאנער ארבעטער פעדעראציע, האט די טעג קאטעגאריש אפגעלייקנט דעם "בלבול" וואס מען האט געמאכט אויף דער פעדעראציע, אז זי זאל האבן אנגענומען א רעזאלוציע פאר דער רעגיסטראציע פון אלע איינגעוואנדערטע. ניין, די ארבעטער פעדעראציע איז קעגן וועלכן ס'איז פאספארטן סיסטעם, זאגט ער. אלץ וואס זי האט יא באשלאסן, איז בלויז צו פארלאנגען די "פרייוויליקע" רעגיסטראציע פון די געזעצלאך אריינגעקומענע אימיגראנטן.

דאס איז, נאטירלאך, איינגאנצן א כשר-פיסלדיקער פארלאנג. מען וויל חלילה נים קיין נגישות אויף אימיגראנטן. נאר בלויז א ר ו י ס ה ע ל פ ן די געזעצלאכע אימיגראנטן! זאלן זיי, הייסט עס, האבן די געלעגנהייט צו קריגן די געהעריקע צייגניש, אז זיי זיינען כשר'ע איינוואוינער פון די פאראייניקטע שטאטן, און זאלן זיי ניט דארפן ליידן פאר די זינד פון די אימיגראנטן, וואס האבן זיך אריינגע'גנב'עט אין לאנד.

גלייך ווי דאס וואלט געווען אן ענטפער אויף מר. גרינס דערקלערונג, האט די אימיגראציע קאמיסיע פון סענאט אויסגעגראבן א פארלעגענעם ביל פון פאראיארן, וועגן פרייוויליקער רעגיסטראציע, פארגעשלאגן דאן פון סענאטאר בליז. די קאמיסיע האט דעם ביל גענומען אין אנבאטראכט, און עס ווערט פארשטאנען, אז זי וועט אים רעקאמענדירן צום סענאט, וואו ער האט די בעסטע געלעגנהייטן אנגענומען צו ווערן.

די געפאר פון דעם דאזיקן ביל ליגט אין זיין אויסערלאכן אומשולד. מיט אים וויל מען הלילה ניט טאן קיין שלעכטס די איינגעוואנדערטע בירגער. נאר ער איז געצילט נאר צו העלפן די אימיגראנטן, וואס ווילן באווייזן זייער כשרות. וועט אן אימיגראנט ניט וועלן, צווינגט אים קיינער ניט ארויסנעמען די שיין פון כשרות.

הינטער די כשר'ע פיסלאך פונ'ם ביל ליגט אבער די טריפה'נע חיה. ווען דער ביל ווערט אנגענומען, וועט עס זיין דער אנהויב פון א פאספארטן סיסטעם, וואס מען שעמט זיך נאך דערוויל אננעמען.

דער ביל גיט יעדן אימיגראנט "די געלעגנהייט" צו האבן ביי זיך א שיין, וואס דערוויזט, אז ער איז אויף א כשר'ן אופן אריינגעקומען אין לאנד. וואס פאר א תירוץ קאן איינער האבן, פאר ניט באנוצן זיך מיט דער דאזיקער "פריווילעגיע"?

אלע אימיגראנטן, וואס וועלן ניט האבן ביי זיך אזעלכע באשטעטיקונגען, וועלן במילא אוועקגעשטעלט ווערן אונטער חשד. און אפילו ניט-אימיגראנטן וועלן קאנען פארדעכטיקט ווערן, אז זיי זיינען אימיגראנטן.

בעסער ווי דאס וואלט שוין געווען אן אלגעמיינער פאספארטן-סיסטעם. אמווייניקסטנס וואלט דאן יעדער בירגער געוואוסט, אז ער דארף אין קעשענע טראגן מיט זיך שטענדיק א דאקומענט וואס באשטעטיקט זיין פערזענלאכקייט. און ער דארף ניט מורא האבן, טאמער וועט זיך א פאליציסט צו אים צובינדן, למאי ער האט ניט קיין באשטעטיקונג פון זיין בשרות.

אגב איז די פרייוויליקע רעגיסטראציע טאקע בלויז אן אנהויב. מיט א יאר צוריק איז דער ביל נאך געווען ניט אננעמבאר, און היינט האט ער שוין גוטע געלעגנהייטן דורכצוגיין. מיט א יאר אדער מיט צוויי שפעטער וועט מען שוין האבן דעם מוט צו גיין מיט א שריט ווייטער און איינפירן געצוואונגענע רעגיסטראציע. — אין געצוואונגענע רעגיסטראציע פון אימיגראנטן דארף לאגיש פירן צו אן אלגעמיינעם פאספארטן סיסטעם אין לאנד.

די דעקלאסירטע — דער קרבן

לעצטע וואך האט דער "קאמיטעט" אפגעזאגט זיך פון אנצונעמען א יערלאכן ביישטייער פון הונדערט טויזנט דאלאר פאר די דעקלאסירטע אידן, אנגעבאטן פון דער לאנדאנער אידישער פעדעראציע, דערפאר וואס זי ווערט אנגעפירט פון רבי הערץ, וועלכער האלט אנטי-באלשעוויסטישע רעדעס, און דערפאר וואס די ארגאניזאציע זאל באנוצן זיך מיט דער הילף-ארבעט פאר דעקלאסירטע צו מאכן אנטי-סאוועטישע פראפאגאנדע.

דער "עמעס", דער ארגאן פון דער יעווסעקציע, וועלכער האט אזא גוטן געהער פאר אלץ וואס ווערט געטאן אין די העכערע ספערן, האט זיך אנגעכאפט אן דעם. פונקט ווי ער האט זיך אנגעכאפט אן דעם קאמף-קעגן "קולאקעס". כאטש קיין אידישע "קולאקעס" זיינען כמעט ווי ניטא. די "עמעסיסטן" דארפן דאך דערוויזן, אז זיי זיינען די כשר'סטע, די "הונדערט-פראצענטיקסטע" קאמוניסטן, — פונקט ווי משומדים, וואס זיינען פרימער ווי די געבארענע קריסטן.

דער "עמעס" פארלאנגט איצט, אז די זעלבע האנדלונג זאל אנגעווענדעט ווערן אויך אין באצוג צום אלוועלטלאכן "ארט", — היות ווי דער ניו-יארקער "ארט" פאראיין ווערט אנגעפירט פונ'ם "פארווערטס". אין היות ווי ער נוצט זיך אויך אוים מיט דער הילף ארבעט פאר דעקלאסירטע צו מאכן אנטי-סאוועטישע פראפאגאנדע.

מיר ווייסן, אז די דאזיקע באהויפטונג איז להלוטין פאלש. אויב צווישן די אמעריקאנער פאלקס-געצייג קאמפיין טוער זיינען דא אזעלכע, וואס זיינען פיינטלאך געשטימט צו דער סאוועט רעגירונג, האבן זיי אבער דעם טאקט און דעם פאליטישן חוש ניט צו דערמאנען וועגן דעם אין וועלכער ס'איז פארבינדונג מיט דער הילף-ארבעט וואס זיי פירן אן.

אבער דער "עמעס" באנוגנט זיך ניט מיט זיין אטאקע אויף דעם אמעריקאנער "ארט", נאר ער אטאקירט אויך דעם "דזשאינט". אויב ער קאן ניט אנווייזן אויף וועלכן ס'איז פאל פון די וויכטיקסטע "דזשאינט" טוער, אז זיי האבן ווען אנגעפירט אנטי-סאוועטישע פראפאגאנדע, האט ער צו אים אנדערע טענות. — ער באשולדיקט אים אין צוריקהאלטן שטיצע פון די אידישע לאנד-קאלעקטיוון, וואס איז אייגנטלאך א צייכן פון זיין קאנטער-רעוואלוציאנערער טענדענץ . . .

דער "עמעס" וויל קאנטיק אויספירן, אז די גאנצע הילף ארבעט פון אויסלאנד זאל אפגעשטעלט ווערן, — סיידן די וואס ווערט אנגעפירט פון די קאמוניסטישע עלעמענטן. דאס וועט זיין, נאטירלאך, די לעצטע לאפעטע ערד אויפ'ן קבר פון די דעקלאסירטע, — אבער וואס ארט עס די "עמעסיסטן", וואס פירן אן אזא פארניכטנדיקן קאמפיין און טרייבן די דעקלאסירטע אידן מיט ביישן צום אפגרונט. אין וואס זוכן לעצטנס בכסדר צו פארגרעסערן די רייען פון די אומגליקלאכע?

אפשר וויל ער דערמיט טעראריזירן די אויס-לענדישע אידן, וואס זיינען באזארגט איבער דעם אומגליקלאכן גורל פון די דעקלאסירטע. אז זיי זאלן טאן זייער הילף-ארבעט דורך די קאמוניסטישע אגענטורן. דאס וועט אבער קיינמאל ניט פאסירן: די אידן פון אויסלאנד וועלן ניט שטארקן די הענט פון די עלעמענטן וואס העלפן חרוב צו מאכן דאס אידישע לעבן. די אידישע מאסן האבן צו זיי ניט קיין שום צוטרוי. אפילו ווען זיי קומען כ'לומר'שט מיט די בעסטע אבזיכטן.

ווי אזוי האט אחד-העם פארבראכט זיינע לעצטע יארן אין תל-אביב

פערזענלאכע זכרונות
פון בן-יקיר

(צו דער געלעגנהייט פון זיין דריטן יארצייט).

ווען איך דערמאן מיך אין אחד-העמ'ן, קומט מיר אויף מיינע אויגן אט יענע גאס אין תל-אביב, וואס הייסט אויף זיין נאמען, און וואו ער האט געוואוינט די לעצטע יארן פון זיין לעבן. לעבן דער גימנאזיע געפינט זיך זיין וואוינונג, א נידעריקע הויז, וואס איז איינגעטונקען אין זון - שיין. פאר דער הויז איז אויף דער ברייט פון דער גאס געהאנגען אן אייזערנע קייט, וואס פלעגט אפשליסן דא גאס פאר יעדער באוועגונג נאך די מיטאג - שעה'ן, ווען דער האלב קראנקער אחד - העם פלעגט שלאפן.

יעדן פרימארגן האט מען געקאנט זעען ווי אחד - העם שפרייזט מיט לאנגזאמע טריט לעבן זיין הויז און זיין גרויז גרויער געזיכט איז געווען באגאסן מיט א מין אומעט. נאך קיינמאל האט אויף מיר ניט געווירקט און געמאכט אן אזמעטיקן איינדרוק א פנים פון א מענשן, ווי דער פנים פון דעם אלטן דיינקער אחד-העם. קוקנדיק אויף אים האט מען געקאנט זעען ווי עפעס א פייערל ברענט אין זיינע אויגן און אט דער פייערל האט זיך פון טאג צו טאג אלץ מער אויסגעלאשן, ביז ער איז מיט דריי יאר צוריק איינגאנצן אויסגעלאשן געווארן.

א דערשיטערנדיקן איינדרוק, געדיינק איך, האט אויף מיר געמאכט אחד-העם, זיצנדיק פארטראכט אין שטאט גארטן "שדרות ראטשילד". ארום אים איז געווען פול מיט ליכט, נאר ער אליין האט אנגעהויבן אונטערצוגיין און דאס האט אים אין זיינע לעצטע יארן פארשאפט פיל קלעמעניש. ער האט ניט געוואלט איינשטימען מיט דער ביטערער ווירקלאכקייט; ער האט ניט געוואלט דערשטיקן אין זיך זיין געזעלשאפטלאכן חוש, און זיין ברויזנדע נשמה האט אויך אויף דער עלטער געזוכט אן אויסדרוק. און דעריבער פלעגט ער — הגם דאס איז אים אנגעקומען שווערלאך — מיט א באזונדערן פארגעניגן קומען צו יעדער פארזאמלונג, און צוליב דער סיבה איז ער געווען געוואוינט יעדן אינדערפרי אריינצוגיין אין דער גימנאזיע און טרינקען טיי צוזאמען מיט טאלע לערער. ער האט אזוי ארום געזוכט צו פארטרייבן פון זיך די איינזאמקייט און זיך געפינען אין א געזעלשאפט.

אבער די אלע מיטלען האבן קאנפ-וואס געהאלפן און דער אומעט און טרויער זיינען געווען צעגאסן שטענדיק אויף זיין פנים. אין זיינע שמועסן, אין וועלכע עס פלעגט זיך דורכווארפן אמאל אויך א ביסעל הומאר, איז שטארק קאנטיק געווען אט דער צער פון א מענשן, וואס האט ארויפגעלייגט אויפ'ן לעבנס-וועג פון א גאנצער תקופה, און ענדלאך שפירט ער, אז זיין זון האט אנגעהויבן אונטערצוגיין און אז ער מוז איבער גוואלד אראפגיין פון דער לעבנס סצענע. און ווען? אין דער צייט, ווען א סך פון זיינע חלומות האבן אנגעפאנגען פארווירקלאכט ווערן.

אחד-העם איז געוואוינט געווען טעגלאך צו שפאצירן אין דער חברותא פון י. ח. ראווניצקי. אבער בעת יענער פלעגט גראד זיין פארנומען, פלעגט ער גערן שפאצירן מיט יעדן וועמען ער פלעגט טרעפן פון זיינע באקאנטע. א באזונדער פארגעניגן איז געווען צו שפאצירן מיט אחד-העמ'ן אין די תל-אביב'ער גאסן און זיך צוהערן צו זיינע שמועסן אין וועלכע ער פלעגט זיך שטענדיק אנטפלעקן די ליבע אינגעפאקייט, וואס זאגט עדות אויף א מאראלישער, שטאלצער און הארמאנישער פערזענלאכקייט, זיין רייכער גייסט פלעגט זיך אויך ארויסווייזן אין זיינע פשוט'ע שמועסן.. אין אנהויב פלעגט ער שמועסן עטוואס מאנאטאן, אבער נאכדעם, ווען ער איז שוין אריין אין שמועס, פלעגט ער שוין צוציען און צווינגען דעם מיטשפאצירענדן זיך גוט איינצוהערן יעדן ווארט פונ'ם שמועס.

פון די שמועסן, דער עיקר פון די, וועלכע ער פלעגט דערציילן אגב עטוואס וועגן זיינע קינדער יארן, איז צו זעען, אז זיין טאלאנט האט זיך אנטוויקלט פון זיך אליין אן שום אויסערלאכער ווירקקונג. געבוירן אין סקווירא, אין איינעם פון די חסידישע געגנטן אין רוסלאנד, האט ער באקומען א שטריינג טראדיציאנעלע דערציאונג. זיין פאטער, וואס האט געשטאמט פון זייער א מיוחס'דיקער משפחה, פון דער סאמע חסידישער אריסטאקראטיע, האט אין זיינע קינדער יארן ניט געלאזן לערנען אפילו דעם רוסישן אלף-בית. אפילו קוקן אויף די רוסישע בוכשטאבן האט ער אים ניט געלאזן, ווייל ער האט אליין געהערט פון דעם צדיק'ס מויל, אז אזעלכע אותיות זיינען מטמא די אויגן.

אבער דעם פאטער'ס שמירה האט גארניט געהאלפן, און נאך איינגלוויז פלעגט אחד-העם זוכן צו פארשן אלע רעליגיעזע געביטן, און עס האט זיך אין אים דערוועקט א קריטיש אנאליטישער חוש, וואס האט ביסלאכווייז צעשטערט זיין טראדיציאנעלע וועלט - אנשויאונג.

איינמאל אין א שמועס האט אחד-העם דערציילט וועגן אן אינטערעסאנטע באגעגעניש, וואס ער האט געהאט אין זיינע יונגע יארן מיט דעם בארימטן העברייאישן שרייבער א. ב. גאטלאבער. אים האט זיך דאמאלסט פארוואלט זעען די ווארשעווער משכילים מיט דעם גאטלאבער בראש, וואס האט געוואוינט דארטן און ארויסגעגעבן זיין חודש - זשורנאל "הבוקר-אור". אין ווארשע האט אחד-העם קיין שום באקאנטע ניט געהאט אויסער דעם מוכר ספרים אליעזר שפרא, ביי וועמען ער פלעגט צייטנוויי קויפן ספרים. קומענדיק קיין ווארשע א ער, פארשטייט זיך, ארויף צו דעם דאזיקן מוכר ספרים. ער האט אים פארבעטען צו קומען אין אוונט און ביי אים האט ער, צו זיין דערשטוינונג, געטראפן אלע באקאנטע ווארשעווער משכילים, וואס האבן, פארשטייט זיך, געקוקט אויף דעם בחור'ל פון דער פראווינץ פון אויבן אראפ.

דעם אווגוסט האט אחד-העם אפגעמאכט מיט שפירא'ן, אז צומארגנס וועט ער אים צופירן צו דער רעדאקציע פון "הבוקר אור", כדי צו זעען גאטלאבער'ן. כך הוה. צומארגנס איז ער טאקע אוועק צום אלטען גאטלאבער. ער האט געוואוינט אויפ'ן העכסטן שטאק, און איידער ער איז ארויף צו אים האט ער געמוזט דורכגיין נאך א סך טרעפ. ענדלאך איז ער אריינגעקומען אין א קליינעם און פינסטערן צימערל, וואס אויסער א צעבראכענעם טיש, א שטול און א בעטל איז קיין אנדערע מעבעל ניט געוועזן.

זיין שמועס מיט גאטלאבער'ן האט שוין אחד-העם גוט געדיינקט נאכצודערציילן, אבער דער אלטער האט מיט זיין שיינעם פרצוף פנים געמאכט אויף אים א טיפן איינדרוק. אחד-העם האט לכתחילה געקוקט אין אלע זייטן און געזוכט, וואו ס'איז די רעדאקציע פון "הבוקר אור" און ווען ער האט ניט געפונען, האט ער זיך ניט געקאנט איינהאלטן און האט ווען דעם געפרעגט דעם אלטן אליין. גאטלאבער האט אים מיט א ביטערער איראניע געענטפערט: "אט דאס איז די רעדאקציע!" אחד-העם איז זייער פארוואונדערט געווארן הערנדיק דאס, ווייל אין זיין פאנטאזיע האט ער זיך די רעדאקציע עפעס גאר אנדערש פארגעשטעלט.

גאטלאבער האט דאמאלסט גראד געדרוקט אין המשכים זיינע זכרונות אין "הבוקר אור". ווען דעם האט אים אחד-העם געפרעגט, פארוואס ער דערציילט נאר וועגן אנדערע און גארניט וועגן זיינע אייגענע לעבנס געשעענישן, דערויף האט אים דער אלטער גאטלאבער געענטפערט: אין מיין געבורטס-שטאט איז איינמאל קראנק געווארן א פרוי אויף טיפוס און זי האט זייער פיל געלעדט פון היץ, און אלץ וועגן איר שכנ'טע, אז יענע האט דאס און דאס געטאן א. א. וו. ווען זי איז געזונט געווארן, האט מען איר געפרעגט, פארוואס האט זי אין היץ געלעדט נאר וועגן דער שכנ'טע און ניט וועגן זיך, האט זי אויף דעם געענטפערט: "ווען יענע וועט קראנק ווערן, וועט זי ריידן וועגן מיר".

איינמאל אין א שמועס האט מיר אחד-העם איבערגעגעבן פאלגענדן עפיזאד, וואס איז כאראקטעריסטיש פאר אחד-העמ'ס איידעלן כאראקטער.

דאס איז געווען א קראקע אין ענדע 1896, ער איז דאמאלסט געקומען אהין צו דרוקן דעם חודש זשורנאל "השלח", וואס איז געווען אונטער זיין רעדאקציע אין פישער'ס דרוקעריי. גאלדפאדן האט גראד דאמאלסט אויך געדרוקט זיינע אייניקע פיעסן אין דער זעלבער דרוקעריי. געוואויר ווערנדיק פון פישער'ן, אז דאס איז אחד-העם, דער רעדאקטאר פון "השלח", האט ער זיך צו אים געווענדעט מיט א פארשלאג, אז ער זאל אפקויפן ביי יונה קרעפל, — וואס האט דאמאלסט ארויסגעגעבן דעם ביבליאגראפישן זשורנאל: "ירושלים", וועלכער האט נאך א קורצער צייט אויפגעהערט צו דערשיינען, — דעם אדרעסנבוך, וואס דער זעלבער האט צענויפגעשטעלט און דורך דעם אדרעסנבוך זיך ווענדן און איינשאפן אבאנענטן פאר דעם "השלח". אחד-העם דערהערנדיק אזא שנארערישן פארשלאג, האט זיך אפגעטרייסלט פון דעם גאנצן ענין און האט שוין מער ניט געוואלט דרוקן דעם "השלח" אין קראקע, נאר ביי איצטקאוויטקין אין בערלין, הגם, עס האט אים געקאסט א סך טייערער.

אחד-העם האט זיך דאויסגעצייכנט אויך אין זיינע שמועסן; ווי אין זיינע ווערק, מיט זיין קלארן געדאנק. איז אויפגעשוואומען אין א געשפרעך א פראגע, האט ער ניט געאיילט ווענן איר צו זאגן זיין מיינונג, נאר ער פלעגט זי גוט באטראכטען און אורטיילן מיט זיין אייגענעם שכל. ער איז לגמרי ווייט געווען פון קנאות און עקסטרעמיטעט. ווען מען האט אין די לעצטע יארן אנגעהויבן שרייען: "בוגדים" אויף די אגודה'ניקעס מיט דעהאנען בראש, האט ער קעגן דעם פראטעסטירט; מען מוז אויך שעצן יענעמ'ס אנשויאונג, דאס זעלבע האט ער פראטעסטירט, ווען דאס ווארט "בוגדים" איז געווארפן געווארן לעצטנס ביים לאקאלן אין תל-אביב קעגן דער הסתדרות פון די בעלי-בתים.

מיט זיינע חברים האט ער גערעדט ס'רוב העברייאיש, אבער ניט זעלטן פלעגט ער איבערגיין אויף אידיש, וועלכע פלעגט זיין ביי אים א קריינקענדיקע און א פאלקסטימלאכע.

סיי אין מעשים, סיי אין ווערטער האט ער זיך שטענדיק געהיט קיינעם קיין שמערצן און קיין פארדרוס ניט צו פארשאפן. שטריינג, אם שטריינגסטן איז ער געווען מיט זיך אליין. למשל, זיינע קינדער האט ער שטארק ליב געהאט, אבער ווען זיין אינגערע טאכטער האט פאראייניקט איר לעבן מיט א קריסט, מיט דעם רוסישן שריפטשטעלער אסארגין — הגם זי האט זיך גוט געטויפט, האט ער זיך אפגעזאגט פון איר מער צו וויסן.

אין זיין צוואה האט ער באשטימט זיינע חברים י. ח. ראווניצקי און יהודה גראזאווסקי — וועלכע זיינען ביי אים געווען די לעצטע יארן דאס זעלבע, וואס יעקב דינענזאן איז געווען ביי י. ל. פרץ, — באשטימט פאר די אויספירער פון זיין לעצטן ווילן. די ווארטשאפט און דאס גאנצע מיזומנ'ע געלט איז איבערגעגאנגען לויט זיין צוואה צו זיין אלמנה, און דאס פינף צימערדיקע הויז איז פארוואנדעלט געווארן, לויט דר. הררי'ס פראיעקט, אלס אחד-העם מוזיי, און אלס שטודיר - צימערן פאר מענטשן, וואס ווילן ערנסט שטודירן, אזעלכע קאנען זיך אויף דעם ארט באנוצן מיט אחד - העמ'ס ביבליאטעק פאר זייער וויסנשאפטלאכער ארבעט.

קינדערשע צרות

פון א. אסאווסקי

(שלום פון נעכטן)

דא האט מישא איינגאנצן אויפגעלעבט. עס איז געווען דא בעסער ווי אין האספיטאל. מען האט ניט געדארפט שטענדיק זיין אין בעט, מען האט ניט געגרוקט קיין טערמאמעטערס אין מויל, ס'האט ניט געשלאגן דער איבלדיקער ריח אין נאז, וועלכן מישא האט אזוי געהאסט, מען האט דא געקאנט ארומלויפן, זיך שפילן, אפילו א הוידלקע אין דא געווען, און עסן האט מען אויך געגעבן: אי מילך, אי ברויט, זופ און קארטאפל. קינדער זיינען דא געווען א סך מיט וועמען צו בארען זיך, צו שפילן אין פערדעלאך, און מישא איז טאקע גאר אן אנדערער געווארן. ער האט אנגעפאנגען צו אננעמען ליב, באקומען לשון און געניטשאפט ווי אזוי נושא חן צו זיין ביי די אויפזעערנס און געסט.

ער איז געווען פון די דאזיקע וואס די קאנאדער שלוחים האבן אים און זיינע ברידערלאך אויסגעקליבן אויף ארייבערצופירן קיין קאנאדע.

עס איז געווען פילייכט דער ערשטער, אויב ניט דער איינציקער גליקלאכער טאג אין מישא'ס לעבן, ווען מען האט אים אנגעזאגט די בשורה, אז ער און זיינע ברידערלאך פארן קיין קאנאדע.

פאר חדשים פריער האבן די קינדער גערעדט צווישן זיך פון דעם אנקומענדיקן גליק. יעדעס קינד האט אין דער שטיל געטרוימט, געהאפט, מתפלל געווען, אז עס זאל אים טרעפן דער גרויסער גליק צו געפעלן ווערן, און מען זאל אים אויסקלייבן. די קינדערשע פאנטאזיע האט זיך צעשפילט און אויפגעבויעט פאלאצן און גליקן אין דער לופט. מיטאמאל איז יעדער קינד געווארן א בקי אין געאגראפיע, לענדער און ערטער פון וועלכע זיי האבן קיינמאל קיין באגריף ניט געהאט, זיינען געווארן פאר זיי פלוצלונג אייגן און נאענט. אווסטראליע, ניוזילאנד, קאנאדע, אמעריקע און פאלעסטינע — זיי נען געווארן אזוי באקאנט און אזוי ליב, גראדע ווי זיי וואלטן דארט געבוירן און אויפגעוואקסן געווארן, ווייל די שליחים פון די אלע לענדער זיינען ארומגעפארן און געקליבן קינדער.

פון דער משונה'דיקער לאגע האט זיך געשאפן א מין קוואזי פאטריאטן געשפיל צווישן די קינדער. די אמעריקאנער — ד. ה. די וואס זיינען באשטימט געווארן צו פארן קיין אמעריקע זיינען געווארן איבער נאכט, די גבירים פון דער משפחה, די שמאנט פונ'ם קינדער לאגער. עפעס א קלייניקייט אמעריקע, פאר יעדן איינציקן וויארסט דאך עפעס א מיליאנערסקער פאלאץ מיט דינערשאפטן, מיט גובערנאנטקעס און וואס ניט. קאנאדע איז אויך געווען ניט שלעכט פארט א שכנה'טע צו אמעריקע — איז שוין אבער פארט ניט דאס. אווסטראליע איז שוין גארניט געווען פאפולער. ערגער פון אלע האט מען געקוקט אויף די פאלעסטינצעס. און גראדע זיי זיינען ארומגעגאנגען מיט פארריסענע קעפ און געקוקט מיט ביטול אויף די בני גלות וועלכע ווערן נעבאך פארשיקט אין פרעמדע לענדער, ווערנד זיי פארן צו זיך אהיים, קיין ארץ-ישראל.

מישא'ס ערשטע און גרויסע אנטוישונג מיט קאנאדע איז געקומען באלד נאך זיין אנקומען אין לאנד.

ס'איז געווען אין מאנטרעאל וואוהין מען האט זיי געבראכט פון דער שיף. פון דארט האט מען זיי באדארפט פאנאנדערשיקן איבער'ן גאנצן לאנד, און עס איז געווען דא, דאס ער האט זיך באדארפט שיידן מיט זיין אינגסטן ברודער'ל, באריא.

פאר די אנדערהאלבן יאר וואס די קינדער זיינען געווען צוזאמען אין קינדער היים, זיינען זיי צוגעבינדן געווארן איינער צום צווייטן מיט א ליבע וועלכע איז נאר מעגלאך און פארשטענדלאך צו קינדער פון אנשטאלט.

אין ערגעץ איז די שטומע פון בלוט ניט אזוי שטארק, און דער געפיל פון קרובה'שאפט אזוי בולט, ווי צווישן יתומים אין איין אנשטאלט.

אין א נאטירלאכער הוים קאן טרעפן אז ברידערלאך זאלן צווישן זיך כסדר מלחמה האלטן, רק זוכן איינער דעם צווייטן צו להכעיס טאן. אז אין שוועסטערל זאל דער צווייטער דאס לעבן ניט פארגינען.. אין אן אנשטאלט אבער, ווי אלץ ארום איז פרעמד, וואו עס פעלט די העכסטע באשיצנדע מאכט — דער טאטע — די מאמע — דארט טוליעט זיך נעענטער ברידער צו ברידער, און שוועסטער צו שוועסטער, יעדער צו זיינס קענן אלע. ווייל ס'איז שווער צו זיין אליין אויף דער וועלט. עס ווערט א ביסל גרינגער, צו פילן אז ס'איז דא אויף דער וועלט און טאקע אט דא' ניט ווייט פון דיר, דיין אייגן בלוט, דיין ברודער, דיין שוועסטערל, און דערפאר וועט איר אין ערגעץ אין דער וועלט ניט הערן דאס ווארט: "מיין ברודערל" אדער "מיין שוועסטערל" ארויסגערעדט מיט אזויפיל צערטלאכקייט און ליבע ווי אין אן אנשטאלט.

עס איז דערפאר געווען העכסט נאטירלאך פאר מישא'ן וועלכער האט צו זעקס מאנאטן פון זיין לעבן פארלארן זיין פאטער, און צו צוויי יאר זיין מוטער, צו ווערן צוגעבונדן צו זיינע ברידערלאך מיט ליב און לעבן. באריאן אבער האט ער ליבער געהאט פון אלע. ערשטנס איז בארי געווען דער קלענסטער און דערפאר האט ער זיך געשפילט מיט אים, געוועזן נעענטער, פארשטאנען אים מער פון די איבעריקע ברידערלאך.

צווייטנס, איז בארי סתם געווען זייער א גוטער, געטיילט זיך מיט אים מיט'ן ביסן.. זייערע בעטלאך זיינען שטענדיק געווען איינס לעבן דאס אנדערע.

אין וועג איז דער באנד צווישן אים און בארי'ן נאך מער פארשטארקט געווארען. דא זיינען זיי געשלאפן - צוזאמען אויף איין בעטל אונטער קאלדרע. בארי האט געקאנט א סך שיינע מעשה'לאך, וועלכע ער פלעגט אים דערציילן ביינאכט פאר'ן שלאף. און לידער האט בארי געקאנט א סך און מישא האט ליב געהאט צו הערן בארי'ן זינגען. און דערפאר איז ער טאקע קיינמאל פון אים ניט אפגעטראטן און שטענדיק זיך געקלעפט לעבן אים.

אויפ'ן צווייטן טאג נאכדעם אראפ פון שיף האט זיך אנגעפאנגען דאס "איינקורקעניש". עס זיינען געקומען מענער און פרויען און מען איז ארומגעגאנגען צווישן די קינדער ווי צווישן מעבל, ווי צווישן סחורה, אנקוקן און אויסקלייבן קינדער. און איין פארל האט זיך אפגעשטעלט לעבן אים און בארי'ן. און ווערנד די פרוי האט געוואלט דוקא אים. — מישא'ן, איז דער מאן באשטאנען אז ער וויל "איין עלטערס" — און בארי איז אויסגעקליבן געווארן.

מיט זיינע אייגענע אויגן האט ער געזעען ווי מען האט בארי'ן אריינגעזעצט אין אן אוטאמאביל, ווי דער אוטאמאביל האט זיך א ריס געטאן פון ארט און איז פארשוואונדן געווארן פון דעם אויג.

מיט אלע זיינע חושים האט ער דערפילט אז פון אלע עולות וואס די וועלט האט באגאנגען קעגן אים, איז די דאזיקע עול, די גרעסטע. אז ס'איז ליידיק געווארען עפעס אין הארצן, און עס ציט די נשמה, דאס הארץ, אלע חושים, אהינצו — דארט, וואוהין דער אוטאמאביל האט פארפירט פון אים אויף אייביק זיין ברודער בארי'ן.

אויפ'ן דריטן נאך מישא'ס אנקומען קיין וויניפעג האט ער זיך שוין באדארפט שיידן מיט נאך א ברודערל, און ווידער אמאל מיט'ן קלענסטן. דאס מאל, איז סיאמע געווען וואס איז געפעלן געווארן. נאר סיאמע איז ניט אוועקגעפארן אין קיין אוטאמאביל, נאר נידעריקער יונגערמאן און א בלייכליכע ווייבל, האבן אים אוועקגעפירט פאר די הענט. און מישא איז געשטאנען אויף די טרעפ און האט לאנג נאכגעקוקט ווי זיין צווייטער ברודערל גייט פון אים אוועק פון אים.

ווער קאן טרעפן די מחשבות פון א קינד, אדער די איבערלעבונגען, און צרות וואס א קינד פילט ווען איין אומגליק נאכ'ן צווייטן מאכט אים אלץ עלנטער, איינזאמער און הילפלאזער, ער מוז שטיין און צוקוקן און ניט אומשטאנד זיין אפילו צו פראטעסטירן.

מישא'ס נייגונג צו מוזיק וועלכע ער האט ארויסגעוויזן אין דער ערשטער נאכט פון זיין אנקומען אין בית-יתומים האט געשפילט ניט קיין קליינע ראל אין דער באשטימונג פון זיין גורל.

עפעס איז מיט אמאל פאר אלעמען קלאר געווארן, אז דאס קינד וואקסט באשטימט א מוזיקאלישער גאון, און טאמער ניט קיין גאון, א מוזיקאלישן טאלאנט וועלכן מען טאר ניט פארנאכלעסיקן, דאס אלענפאלס.

אט די דאזיקע פעסטע איבערציינונג האט גורם געווען, וואס פילע אפליקאנטן וועלכע האבן זיך געריסן פאר'ן קינד זיינען אלע צוריקגעוויזן געווארן און דער פארצוג איז געגעבן געווארן צו איינעם א מוזיקער וועלכן מען האט געקאנט אלס קליינעם גביר, און א מטופל מיט אייגענע קינדער, נאר פונדעסטוועגן א ארענטלאכער מענש און דער עיקר "מישא מוז אויסוואקסן אין א מוזיקאלישער אטמאספערע".

די ערשטע געבורטסטאג פארטי וועלכע מישא האט אויף זיין לעבן געהאט איז געווען ווען ער איז אלט געווארן פיר יאר. כאטש קיינער ווייס נאך ביז היינטיקן טאג ניט ווען ער איז געבארן געווארן. דער נייער "דעדי" האט אים געקויפט א "טרייסיקל". די נייע קרובים האבן אים באשאנקען מיט פארשיידענע מתנות און מישא האט באקומען א פאפא און א מאמע, נייע ברידערלאך אנשטאט בארי'ן און סיאמען. און א ניי לעבן האט זיך אנגעפאנגען פאר'ן קינד.

אויפ'ן פינפטן יאר פון זיין לעבן האט מישא באקומען זיין ערשטע פידל און זיין ערשטע לעקציע. צו זעקס יאר האט ער שוין געשפילט "בערעניז" און צו זיבן שומאנ'ס טרוימעריי און צו אכט האט ער דערפילט אין אלע זיינע רמ"ח אברים דעם גרויסן אמת. וואס ליגט אין פאלקס שפריכווארט "פון פרעמדעס מאך ניט קיין אייגנס". די פרוי וועלכע ער האט גערופן מאמע איז טאקע געווען א גוטע מאמע נאר צו אירע אייגענע קינדער. דערצו האט זיך נאך דאס רעדל א דריי געטאן. פרנסה איז געווארן שלעכט און דער ביסן ברויט חשוב'ער, און עס האט זיך אנגעפאנגען א קריג אין הויז פאר אים, מישא'ן, און ער האט אנגעהויבן פילן דעם טעם פון גלות.

מיט אויגן רויט פון טרערן איז מישא'ס "דעדי" געקומען אין אפיס בעטן אז מען זאל אים באפרייען פון זיין ווארט, און מען זאל מישא'ן צוריק ביי אים צונעמען.

"איין גאט ווייסט דעם אמת ווי שווער עס איז פאר אים צו שיידן זיך מיט'ן קינד. ער איז ביי אים טייערער ווי דאס לעבן. ער מוז אבער, עס קאן אנדערש ניט זיין. ער וואלט ליבערסט א האנט אדער א פוס פארלארן איידער אויפגעבן דאס קינד . . . אבער אומשטענדן . . . .

דער פארהאנג האט זיך פארוויקלט, און דער פערטער אקט פון מישא'ס לעבנס דראמע האט זיך אנגעפאנגען מיט מישא'ן, באטרעטנדיק די טרעפ פון דעם בית-יתומים. מיט זיין קליין קלימפעקל אין איין האנט, און זיין פידל אין דער צווייטער.

דאס פלאפלנדע קינד פון אמאל האט זיך אויסגעלערנט אין דער פרעמד די גרויסע חכמה פון דער שווייגן. שווייגן, ווען אפילו דאס הארץ באגיסט זיך מיט בלוט, און די נשמה צאפלט זיך פ ו ן ווייטאג.

און פרעגט איר עפעס אים, קוקן אויף אייך צוויי גרויסע פארשנדע אויגן און דריגען ארויין טיף אין הארצן, ווערנד די ליפן פארשנורוועען און פארשליסן זיך פאר אייך. הערט אויב איר קאנט די ווערטער און קולות, טענות און פראטעסטן, וועלכע בושוועען ערגעץ טיף אין הארצן פון דעם אינגל, די ליפן קאנען אבער נאר שווייגן.

ס'האט זיך געמאכט אמאל ווען דער שווייגנער האט גערעדט.

עס איז געווען ערב יום כפור. באלד נאכ'ן בענטשן איידער מען האט גערופט צו כל-נדרי ארויפגיין.. ער האט זיך צוגעשארט צו מיר און זיינע שארפע אויגען האבן זיך אין מיינע איינגעשניטן.

— ווילסטו עפעס פרעגן, מישא?

— יא, האט ער געענטפערט אנטשלאסען.

און ער האט מיך געפרעגט:

— אויב איך בין מוחל פון גאנצן הארצן, וועט גאט נאך אלץ שטראפן?

די פראגע איז געקומען פון די טיפסטע טיפעניש'ן פון זיין הארצן. טרערן פון סימפאטיע, רחמנות און צער האבן געפינקלט אין זיינע לויטערע און גרויע אויגן.

ער, וואס האט אזויפיל געליטן, ער, וואס איז אזוי שווער געשטראפט געווארן, האט ניט געוואלט, אז אנדערע זאלן פאר אים באשטראפט ווערן.

איך האב געענטפערט:

— איך גלויב באשטימט, אז ניין.

זיין פנים האט אויפגעלויכטן, און מיט א פרייליכן געמיט איז ער ארויפגעלאפן די שטיגן צו דער שול.

—(::)—

א שרעקלאכער טעות אין אן אפטייק מיט א אידישער פרוי

אין ווארשע האט פאסירט אזא פאל: אברהם אטלאסבערג, א סטודענט פון מעדיצינישן פאקולטעט אין ווארשע, איז געקומען אין אפטייק און זיך געהייסן געבען אוטלעניאנע וואסער, וואס ער האט באדארפט פאר זיין מוטער אויף צו ריידניקען דעם האלז.

אין דעם אפטייק האט מען אים אנגעגאסן א פלעשעלע און אויפגעקלעפט דערויף אן עטיקעט "וואדא אוטלעניאנא".

ווען אטלאסבערג'ס מוטער האט זיך אויסגעשווענקט דאס מויל און דעם האלז, האט זי דערפילט א שטארקן ברענענדיקן ווייטיק, און דער זון האט צו זיין שרעק דערזעען, אז די מוטער האט זיך אפגעבריט דאס מויל און דעם האלז.

עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז אין פלעשעלע איז ניט געווען קיין אוטלעניאנע וואסער, נאר אמאניאק.

דער סטודענט האט דער מוטער געגעבן די ערשטע מעדיצינישע הילף, און דאס פלעשעלע מיט'ן איבערגעבליבענעם אמאניאק האט ער אוועקגעטראגן אין דער פאליציי, וואו מען האט וועגן דעם שרעקלאכן טעות פון אפטייק צונויפגעשטעלט א פראטאקאל.

ווי לוצקער טרעגער האבן געפראוועט חתונה.

אין ראבינאט פון שטאט לוצק, וואלי-נער געגנט, איז די טעג אריינגעקומען א 16 יאריק שיין מיידל, עטעל קינדעל, און אויסגעבראכן מיט א גרויס געוויין. זי האט דערציילט פאלגנדע מעשה :

באלד נאך פסח בין איך אין א שיינעם טאג געגאנגען שפאצירן אין לוצק. פלוצ-לונג קומט צו מיר צו ביין חבר יצחק גלייזער אין דער געזעלשאפט פון א געוויסן נעצל שפראך, און גלייזער האט מיך פאר-בעטן איך זאל זיך גייען מיט אים שיפן אויפ'ן טייך. מיר זיינען געפארן אויף דעם שיפל בערך דריי קילאמעטער. זיי זיי-נען מיט מיר צוגעפארן צום ברעג פון טייך און געצוואונגען איך זאל ארויסגיין אויף דער לאנקע. נעצל שפראך איז געבליבן זיצן אויף דעם שיפל, און איך האב גע-מוזט גיין ווייט אויף דער לאנקע.

דא האט די פריילן אנגעהויבן שטארק צו וויינען, און דער רב האט זי געפרעגט וואס וויינט זי ?

נאך א געוויסער הפסקה האט זי ארויס-געשטאמלט : "ער האט מיך פארגוואל-דיקט".

" איך האב זיך געשעמט צו דערציילן, אז איך בין אויף דער צייט, און צוליב דעם בין איך געקומען אין ראבינאט, אז מען זאל אים שיקן רופן, אז ער זאל מיך מקדש זיין, ווייל צו וועמען וועל איך זיך ווענדן מיט מיין קינד. עס וועט מיר דאך אויסקומען צו שטארבן פאר הונגער מיט'ן ניי?געבוירענעם קינד."

מען האט געשיקט רופן יצחק גלייזער. צוזאמען מיט יצחק גלייזער זיינען געקו-מען אין ראבינאט זיין פאטער און עט-לאכע "גוטע ברידער".

דער רב האט געהייסן אלע ארויסגיין פון שטוב, און בלויז יצחק'ן האט ער גע-הייסן פארבלייבן. דער רב האט אים גע-פרעגט, אויב ער איז זיך מודה אין זיין שולד. יצחק האט אפגעלייקנט שטיין און ביין.

צום סוף האט דער רב געראטן דער פריילן איבערצוגעבן דעם גאנצן ענין דעם פראקוראטאר. אנשטאט אבער די פראקו-ראטור האט זי אויסגעוויילט א פראקטי-שערן וועג. דעם צווייטן טאג, נעמלאך, איז פארגעקומען פאלגנדע מעשה אין לוצק :

די טרעגערס האבן דעם "פיינעם יונ-גערמאן", יצחק'ן, באגעגנט אין גאס און זיי האבן געזאגט צו אים :

— מ'שלאגט דיין טאטן אין גאס !

— וואו ? — האט יצחק אויסגעשריי-ען.

— קום ! — האבן די טרעגערס גע-ענטפערט. — מיר וועלן דיר ווייזן.

מען האט אים אריינגעפירט אין א פינ-סטערער שטוב, מען האט אים אוועקגע-זעצט ביים טיש, און מען האט אים גע-נומען "אויפ'ן צימבל". יצחק האט זיך דערשראקן. ער האט זיך אין אלעם מודה געווען און דערקלערט, אז ער איז גרייט מיט איר צו חתונה האבן.

אינצווישן האט מען געשיקט זאגן דעם פאטער, אז מען "שלאגט זיין זון". ווען דער פאטער איז געקומען צולויפן, האט מען אים אויך אוועקגעזעצט ביים טיש און געשיקט רופן דעם רב און דעם שמש מיט 4 דרעגנלאך, און געשטעלט א חופה.

יצחק'ס מוטער, געוואר ווערנדיק פון דער גרויסער שמחה איז פאר צרות קראנק געווארן.



ווי צוויי פענעס
פאר'ן פרייז פון איינס

— א פאקעט פען ביים אוועקגיין, און א דעסק פען ביים צוריקקומען
— גאראנטירט פאר'ן גאנצן לעבן !

אויב איר קויפט א פארקער פאקעט דואפאלד קאנט איר האבן א דעסק סעט צו יעדער צייט ווען איר קריגט בלויז א דעסק סעט בעיס. אדער אז איר קויפט א פאר-קער דואפאלד דעסק סעט באקומט איר איצט אויך א דואפאלד פאקעט פען גאראנטירט פאר א לעבן לאנג. אזוי אדער אנדערש, איר שפארט איין דעם פרייז פון א צווייטער פען—$5, $7, אדער $10 לויט'ן מאדעל.

דורך צוגעבן א פארשפיצטן ברעג פארוואנדלט איר אייער דואפאלד פאקעט פען צו א דעסק פען אין 10 סעקונדן. ארונטערנעמענדיק דעם "טייפער" און צוריק אנטאענדיק די פאקעט קעפ פארוואנדלט איר עס אין א פאקעט דואפאלד צו יעדער צייט לויט אייער וואונש.

אויף אזא אופן באזיצט יעדער אייגנטימער פון א פארקער פאקעט פען א האלבן דעסק סעט. קויפנדיק א דעסק ביים פארפולקאמט עס, ווייל א פען טייפער איז איינגע-שלאסן אן עקסטרא קאסט.

יעדער פארקער דעסק סעט איז פולשטענדיק איינ-געריכטעט מיט א פאקעט קעפ און קליפ. אזוי אז אייער דעסק פען איז אויך א פאקעט פען—ווי צוויי פענעס פאר'ן פרייז פון איין סעט.

פארקערס נייע סטרימליינד דואפאלד פענעס (און פענסילס צוזופאסן) זיצן נ י ד ע ר י ק ע ר אין פאקעט אייער אנדערע, ווייל דער קליפ פאנגט זיך אן פון אויבן—ניט אין מיטן פון דער קעפ. דער דאזיקער שיי-נער באלאנסירטער שייפ פילט זיך זייער גוט אין האנט —און דער מאסיווער, האנט געמאכטער שפיץ פון דער פען שרייבט מיט אונזער באריםטער 47טער אויסבע-סערונג — וואס שרייבט אן אנשטריינגונג. נייע זעט די וואונדערבארע ענדערנדיקע דוא-פאלד ארום יעדן נאענטן צו אייך קאונטער.

The Parker Fountain Pen Company, Ltd.
Toronto 3, Ontario

Parker Duofold
PEN GUARANTEED FOR LIFE
$5 $7 $10

סטרימליינד שייפ, זיצט נידעריק אין פאקעט. נעמט אריין מער טינט. ניט ברעכבארע בארלס פון דימענטן ענלאר, קאליפורניער פערמאנט. זייער גלאטע, האנט געמאכטע פאינטס.
פענסילס צו פאסן $3.25 ביז $5

נוצט פארקער דואפאלד טינט אין פארקער דואפאלד פענס.

מיר פארקויפן פארקער פענס און פענסילס
MITCHELL-COPP LTD.
328 Portage Ave., cor. Hargrave

אונזער סטאק פון פארקער פענס, פענסילס און דעסק פענס איז קאמפליט
HENRY BIRKS & SONS
LIMITED
BIRKS BUILDING, PORTAGE AVE. AT SMITH ST.
דימענטן סוחרים פאר איבער פופציק יאר — גאלדשמידן — זילבערשמידן

פארקער פענס, פענסילס און דעסק סעטס
איצט אויף דער אויסשטעלונג
קאטלערי דעפארטמענט מיין פלאר
Ashdowns
CANADA'S FINEST HARDWARE
טעלעפאן 846 244

D.R. Dingwall LIMITED WINNIPEG
PORTAGE AT GARRY
און זעלבסטפארשטענדלאך אין

אין דער נארט ענד — קויפט אייער פארקער פען אין
שיינים דראג סטאר
842 מיין סטריט — טעלעפאן 56 213
ברייטער אויסוואל פון מאדעלן און קאלירן — מיר דעליווערן



אין שטראם פון לעבן

שפאנענדער ראמאן פון דעם אידישן לעבן אין אמעריקע
פון דר. ל. ב—ן

(פארטזעצונג)

— דו ווילסט ניט הערן ? — האט שאסקע זיך א כאפ געטאן מיט א בא-ליידיקטער מינע — וועסטו פון מיר מער ניט הערן קיין ווארט.

— הלואי.

— זע נאר, ווי רואיק זי איז ! — א פלימעניק איז פון טויט לעבעדיק געווארן און נאך אזא פלימעניק, א מיליאנער ! — האט שאסקע ארויסגערעדט אונטער דער נאז — און זי ? א שטיק אייז !

— אט באלד פאל איך אין חלשות, ווי דו ! . . .

— ביי מיר איז בלוט ניט וואסער ! — האט שאסקע א געשריי געטאן.

— וואס שרייסטו ? דו האסט דאך געזאגט, אז איך וועל מער פון דיר ניט הערן קיין ווארט.

שאסקע האט איר ניט געענטפערט. זי האט אויפגערעגט א קוק געטאן אויף איר, און מיט כעס א כאפ געטאן פון אונטער א ברעג פון איר קלייד, אזוי, אז די שפיצן פון איר ווייסער אונטער קלייד האבן זיך ארויסגערוקט, און זי האט זיך געלאזט לויפן אויף די טרעפ, וועלכע האבן געפירט צום צווייטן שטאק.

דארט אויבן, איז זי אריינגעלאפן אין צימער, וואס האט געהאט די גלעזערנע טיר צום גאניק, איז געבליבן שטיין, האט מיט א שנעלן בליק ארומגענומען דעם גאנצן צימער : די ווענט, די סטעליע, דעם דיל, די גלעזערנע טיר צום גאניק, די ווייסע פארהאנגען וואס האבן זיך שטיל באוועגט אויף די אפענע פענסטער, און די שטיקער מעבל, דאן האט זי זיך מיט אימפעט א כאפ געטאן צו די שטולן, זיי איבערגעשטעלט, איבערגערוקט דעם קליינעם טישל, און צום סוף, די גרויסע ווייסע בעט.

דעם דאזיקן צימער האט זי צוגעגרייט פאר ראבינס'ן.

פריער איז דאס געווען א "סיטינג רום". האט זי, קעגן אסתר'ס ווילן, איצט פון דעם געמאכט א שלאף-צימער פאר יאשקע'ן.

באלד ווי אסתר האט זי אפגעמינטערט האט זי מיט איר געהאט א שטיקל "שמו-עס" וועגן דעם צימער פאר דעם גאסט. אסתר האט געזאגט, אז מען זאל אים דערווייל געבן רוטי'ס צימער, אזוי לאנג ווי רוטי איז אין קאנטרי, און שאסקע האט דערקלערט : זי וועט ניט לאזן, אז מען זאל זיך מיט אים ארומווארפן היינט אין דעם צימער און מארגן, ווען רוטי וועט קומען — אין אן אנדערן. דאס וועט זי ניט דערלאזן ! זי וועט פאר אים צוגרייטן די "סיטינג רום" אויבן. האט אסתר געזאגט : "דו ביזט משוגע, שאס-קע !" — האט שאסקע דערויף געענט-פערט : — בין איך משוגע ! א נייעם זאגט זי מיר ! — זי האט מער ניט גע-וואלט הערן אסתר'ן און מיט אן אימפעט אוועקגעלאפן ארויף די טרעפ . . . א ווי-לע שפעטער, ווען אסתר איז אין יענעם צימער אריינגעקומען, טאקע אין דער "סיטינג רום", זיינען די פריערדיקע שטיקלאך מעבל שוין דארט ניט געווען, די פריערדיקע פארהאנגלאך פון די פענ-סטער זיינען געווען אראפגענומען און שאסקע האט דארט פארבעט א גרויסע, ווייסע בעט, וואס זי האט ארויסגעשלעפט פון אן אנדער צימער.

— זע נאך, וואס פאר א חורבן זי האט דא געמאכט ! — האט אסתר זיך אנגערופן.

— גיי, גיי, שטער ניט ! — האט שאסקע אויף איר אנגעשריען, א כאפ גע-טאן א קלאר - ווייסע קישן פון דער בעט צוקאפנס, האט גענומען קלאפן איבער דעם מיט ביידע פויסטן, ווי איבער א פויק, א רוק געטאן דאס צוריק אין דער הויכער בעט צוקאפנס אריין און ארויפגע-געווארפן אויף דעם א ווייסע געשטריקטע דעקע.

— האב איך שוין דא גארניט קיין דעה ? — האסט אסתר דאן רואיק גע-פרעגט :

— איך האב קיין צייט ניט צו ריידן מיט דיר !

זי האט א כאפ געטאן דעם טעפיך פון דעם דיל און אים ארויסגעשלעפט פון צימער און האט זיך באלד צוריקגעקערט מיט אן אנדערן, א קלענערן, וואס זי האט א ווארף געטאן פאר'ן בעט.

אסתר האט דאן איינגעזעען אז איצט, ווי אלע מאל, וועט בלייבן ווי שאסקע וויל, היינט צו וואס זאל זי אומזיסט ארויסווארפן רייד, און זי האט נאר גע-זאגט :

— משוגענע, פארוואס הייסטו ניט דער דינסט אז זי זאל דיר העלפן ?

— וואלטן מיר דאן מסתמא פארטיק געווארן ערשט מארגן — האט שאסקע פאראכפעט געענטפערט, א כאפ געטאן א שטול, א שטעל געטאן אים מיט געפיל-דעה לעבן פענסטער, איז ארויפגעשפרונ-גען אויף איר אים מיט דער פלינקייט פון א קאץ און גענומען אנהייגנען אויף דעם פענסטער א פארהאנג. און באלד איז זי שוין געשטאנען לעבן אנדערן מיט א צווייטן פארהאנג. און דאס אלעס האט זי געטאן מיט אזא ברען און אימפעט און אזוי שנעל, דאס אסתר האט א טראכט געטאן :

— ווי זאגט יענער ? שאסקע ! צוואנ-ציק רוחות וואלטן זי ניט געקאנט אנ-יאגן אין דער ארבעט.

אין ווייניקער פון א האלבער שעה, זינט רובינטשיק האט אנגעזאגט דורכ'ן טעלעפאן, אז זיי קומען, האט שאסקע צו-געגרייט דעם צימער און עס איז נאך ביי איר געגוג צייט פארבליבן צו איבערטאן זיך און ארויסלויפן אין דרויסן, צו זען, אויב זיי פארן און "איבערצושמועסן" זיך נאך מיט אסתר'ן.

איצט, ווען שאסקע איז ווידער אריין אין יאשקעס צימער, ווי זי האט עס שוין גערופן אין אירע געדאנקען, איז זי גע-ווען ניט צופרידן מיט אים. עפעס האט זיך דער צימער איר אויסגעוויזן ניט גרויס גענוג, ניט ליכטיק גענוג. די ווענט וואלט זי פאנאנדערגעשטופט, ווען זי וואלט געקאנט, אז עס זאל גרעסער ווע-רען. דערפאר האט זי נאך אמאל איבער-גערוקט די שטולן, דעם קליינעם טישל און דאס גרויסע בעט . . .

זי האט איצט בלויז געטראכט פון יאשקע'ן, און ווי אזוי אים באקוועם צו מאכן, אז ער זאל זיך פילן באקוועם אין דער דאזיקער הויז. און נישט בלויז דער-פאר ווייל ער איז געווען איר פלימעניק, נאר מער דערפאר, ווייל ער איז געווען יענער יאשקע פון דער היים . . .

דער אלטער דרך ארץ צו דעם אמאליקן יאשקע'ן, צו דעם גימנאזיסט מיט די קנעפלאך, און צו דעם סאציאליסט וואס האט געלערנט מיט אנדערע און "אויפגע-קלערט" זיי, ווען וועלכע זי און אירע אמאליקע חבר'טעס אין דער היים האבן זיך גע'סוד'עט, אז דאס איז א יונגערמאן "גאר אן אויסנאם", א שאד נאר, וואס ער וועט, מסתמא, פארלארן גיין אויף קאטארגע, ווי אנדערע סאציאליסטן — אט יענער דרך ארץ פון דעם פאלקס-מענטשן צו דעם געבילדעטן, דעם ניט גע-וויינלאכן, האט נאך געלעבט אין איר. בפרט נאך, ווען יענער יאשקע האט זיך צוריקגעקערט אזוי ווי פון יענער וועלט, א מיליאנער.

און אז זי האט א טראכט געטאן וועגן דעם, אז ער קומט א מיליאנער, האבן טרערן זי גענומען שטיקן פאר פריידיקער אויפרעגונג, אזוי ווי דער גוטער העלד מיט די אלע מעלות פון דעם ראמאן, וואס זי האט איצט געלעזן, וואלט מיט מיליאנען באלוינט געווארן פאר זיינע גוטע מעשים.

ובכלל איז שאסקע געווען אזא מענטש, וואס וואלט נאר באלוינט די גוטע : סאי די גוטע העלדן אויף דער בינע און סאי די ניט ערגערע העלדן אין די ראמאנען, וואס זי האט געלעזן מיט אזא חשק. נאך זיי, איז איר הארץ אויסגעגאנגען, טרע-רען איבער זייערע יסורים פארגאסן און זי האט גערעדט פון זיי נאכאנאנד צו אסתר'ן, צו עני'ן, צו רוטי'ן, צו דער אי-דישער דינסט אין הויז, און צו די אנ-דערע באקאנטע פרויען. און, ווי אסתר האט דערציילט, האט זי אמאל וועגן זיי גערעדט אפילו פון שלאף אויך . . .

איז איר א פיעסע אין א אידישן טע-אטער געפעלן געווארן, איז זי געגאנגען זי זעען עטלאכע מאל. נאך דעם ערשטן מאל זעען האט זי יעדעס מאל דערקלערט די מענשן ארום איר אין טעאטער מיט התפעלות, הויך אויפ'ן קול, וואס עס קומט ווייטער אין דער האנדלונג, וואס דער העלד וועט איצט טאן, וואס יענער וועט טאן, ווי די העלדן וועלן איצט האנדלען, אמאל האט זי אונטערגעזאגט די אקטי-ארן זייער "פראזע" הויך, אויף א קול, וואס האט אפגעהילכט איבער'ן גאנצן טעאטער.

דערביי אבער האט זי תמיד מיטגע-פילט, מיטגעוויינט און מיטגעלאכט מיט די העלדן אויף דער בינע, האט זיי עצות געגעבן אין די געדאנקען, וואס זיי זאלן טאן, ווי אזוי זיי זאלן האנדלען, און עס האט איר אויף אן אמת וויי געטאן; למאי זיי האנדלען אזוי נאריש, און זי איז באגייסטערט געווארן און אפלאדירט אזוי, ביז די הענט זיינען איר אויפגעלאפן פון קלאפן, ווען זיי האבן געהאנדלט ריכ-טיק, ווי עס באדארף צו זיין; נאך איר מיינונג . . .

אזוי אויך האט זי זיך פארהאלטן צו די העלדן פון די ראמאנען וואס זי האט געלעזן;

פאר איר זיינען דאס ניט געווען קיין אויסגעטראכטע זאכן, נאר די ווירקלאכ-קייט, וועלכע איז געווען ווירקלאכער און אינטערעסאנטער אלס דער לעבן ארום איר; די ווירקלאכקייט, וואס האט גע-מאכט קלאפן שטארקער איר הארץ, גע-צונדן איר פאנטאזיע און געוועקט רח-מנות, ליבע און פרייד אין איר הארצן, בפרט ליבע . . .

שאסקע האט איר ליבע אויסגעגאסן אויף די העלדן פון די ראמאנען און אויף די העלדן פון דער בינע, און אפילו אויף דער קאץ, וואס האט מיט עטלאכע טעג צוריק געהאט קעצעלאך, און פאר וועלכע שאסקע האט אין קעלער א געלעגער אויסגע-בעט פון שטרוי און א זאק, און נאך גענוג ליבע איז אין הארצן פארבליבן פאר יאשקע'ן אויך . . .

6

זי האט פלוצלונג דערהערט א פייפן פון אן אויטאמאביל פאר'ן הויז. זי האט זיך א צאפל געטאן, איז צוגעלאפן צו דער גלעזערנער טיר, האט מיט אימפעט זיך א שלעפ געטאן און איז אויפ'ן גאנק ארויסגעלאפן. זי האט דערזען רובינטשיק'ס מאשין, און אויף איר איז גע-זעסן א חוץ ענ'ן און רובינטשיק'ן נאך אן אומבאקאנטער שיינער דזשענטלמאן.

— און וואו איז יאשקע ? — האט שאסקע א טראכט געטאן צעמישט.

דער אומבאקאנטער איז דער ערשטער ארונטער פון דער מאשין און האט אויס-געשטרעקט די האנט צו ענ'ן. זי האט זיך אנגעשפארט אן זיין ארעם און איז ארונטערגעשפרונגען.

— זאל דאס זיין ער ? — האט שאס-קע ווידער א טראכט געטאן.

און דא האט פלוצלונג רובינטשיק זי באמערקט, בעת ער איז פון דער מאשין ארונטער, און מיט התפעלות צו איר ארויפגעשריען.

— שאסקע דו דערקאנסט אים ?

און א קער טוענדיק זיך צו ראבינס'ן, האט ער מיט דעם איינענעם טאן צוגע-לייגט, אנווייזנדיק מיט דער האנט אויף שאסקע'ן :

— דזשאזעף, — דו דערקענסט זי ?

ראבינס האט ארויפגעקוקט צו איר :

— העלא, שאסקע ! — האט ער צו איר אויסגעשריען פריי און פריילאך.

אזוי ווי אימיצער וואלט איר א שטאר-קען שטויס געטאן אין הארצן.

— אי, מאמע, דאס איז טאקע ער ! — האט עפעס א קוויטש געטאן אין איר, און זי איז אריינגעלאפן צוריק אין זיין צימער, האט געכאפט דארטן א צעמיש-טן בליק אינ'ם שפיגל, און דערנאך זיך געלאזט לויפן דורך די צימערן און איז ארונטער די טרעפ . . .

באלד האט זי אים דערזען אין דעם קארידאר אונטן, ער איז געשטאנען לעבן אסתר'ן, האט געהאלטן איר האנט און האט פריילאך געשמייכלט צו איר. ארום זיי זיינען געשטאנען רובינטשיק און עני, ביידע מיט שטראלנדע פנים'ער.

און, מארנע, שאסקע האט זיך ניט א ווארף געטאן צו אים מיט א געשריי — "יאשקע", ווי מען וואלט עס געקאנט דערווארטן; נאר פארקערט, זי איז גע-בליבן שטיין פלוצלונג צעטומלט, פאר-לארן, ווען זי איז געוואר געווארן פון אים אז זי האט אים געדארפט באגריסן.

דער אמאליקער דרך-ארץ צו אים, פאר-שטארקט נאך פון זיין איצטיקער זייער פארנעמען אויסזעען, האט איר דרייסט-קייט געליימט, האט אזוי ווי הענט, פיס און צונג אפגענומען.

זי איז געשטאנען און האט געקוקט אויף אים מיט א צעטומלטן שמייכל און האט זיך פונ'ם ארט ניט גערירט.

ראבינס האט איר באמערקט און ער האט זיך א לאז געטאן צו איר מיט א ברייטן שמייכל און האט אויסגעשטרעקט זיין האנט :

— הערא שאסקע !

זי האט גענומען זיין האנט, געקוקט אויף אים א ווייל און קיין ווארט נישט ארויסגערעדט.

— פארוואס צעקושטו זיך ניט מיט אים ניט, שאסקע ? — האט רובינטשיק איר געפרעגט.

— זי שעמט זיך מסתמא ! — האט ראבינס א שפאס געטאן — איך אבער שעם זיך ניט צו קושן שיינע ווייבלאך.

און ער האט זיך מיט איר צעקושט.

(פארטזעצונג קומט)

רעגירונגען און סטרייקס

די וויניפעג עלעקטריק קאמפאני האט אונז צוגעשיקט דעם פאלגנדיקן אויסצוג וואס זי בעט צו פארעפנטלאכן

אין אן עדיטאריעל אין די "ברימינג-האם, אלא., ניוס" פון 17טן יאנוואר, ווערט טיילווייז געזאגט דאס פאלגנדע וועגן "פאבליק אונערשיפ אין נירסאוט וועילס".

"אין א דעפעשע פון סידני, נירסאוט וועילס, ווערט געזאגט, אז לעצטנס זעט אויס, אז די רעגירונג האט דארטן אנגע-נומען די פארוואלטונג פון די מינען. ניט בלויז באזיצט זי זיי, נאר זי טוט אויך אנפירן מיט די מינען. טענדיק דאס, בא-שטימט די רעגירונג די שכירות פון די מינען ארבעטער.

די לעצטע באריכטן באווייזן, אז די מי-נען ארבעטער זיינען ניט צופרידן מיט די שכירות און זיי האבן אנגעהויבן ארויס-צווייזן א ווידערשטאנד, קאמף און אויך סטרייק. און די בירגער פרעגן צי קאנען בירגער פון א לאנד סטרייקן קעגן זייער רעגירונג ? מיינט ניט אזא סטרייק א רע-וואלוציע ?

דער דאזיקער אינצידענט באווייזט, אז ווען א רעגירונג באזיצט און פירט אן מיט פאבליק יוטיליטיס, פארלירן די ארבעטער כמעט זייער רעכט — לויט דער פאסי-רונג אין דעם דאזיקן פאל. זיי ווערן קרב-נות פון דעם רעגירונגס ארביטרירנדיקן געזעץ.

דער דאזיקער צוזאמענשטויס פון די מיינערס מיט דער רעגירונג, ווייזט, אז זיי זיינען אומצופרידן מיט דעם וואס די רעגירונג איז דער באלעבאס און אנפירער פון די מינען.

איז די דאזיקע פאסירונג א לעקציע פאר ארבעטער וועמעס פירער עס פרא-פאגאנדירן אז "פאבליק יוטיליטיס" זאלן זיין אין באזיץ און אנגעפירט ווערן פון רעגירונגען ?

אידישע העלדן

שפאנענדער ראמאן פונ'ם אידישן לעבן אין דער צייט פון דער גרויסער מלחמה

פון י. נ.

(פארזעצונג)

אפילו די נאכריכט אז גיטל איז גע־פונען געווארן און אז זי געפינט זיך אין דעם הייליקן קלויסטער, האט ניט גע־מאכט דעם איינדרוק, וואס מען האט געקאנט דערווארטן. די שוידערלאכע, הארצרייסנדע סצענע פון דער אומגליק־לאכער נאנע, האט זיי געהאלטן ווי איינ־געקליאמערט אין אייזערנע רייפן.

— זי איז טויט ! — האט באכראך אלס דאקטאר פעסטגעשטעלט.

— צי איז נאך דא אימיצער וועך עס וועט ארויסלאזן א טרער אויף דער אומגליקלאכער ? — האט רפאל ניי־מאן געערדט, און אין זיין שטימע האט זיך געהערט ווי א געוויין, — צי איז נאך געבליבן ווער פון איר פאמיליע, וועלכער זאל דערמאנען דעם דאזיקן קרבן פון קריסטלאכן האס און מענש־לאכער פארדארבנהייט ? און זי איז דאך ניט די איינציקע, וועלכע איז געפאלן אלס קרבן — וויפיל נאך אנדערע ווי זי ווערן אוועקגערויבט און גייען פארלארן פאר דעם אידישן פאלק !

— גיטל, — האט מאיר מארגאליס ארויסגעפרעסט מיט א פארקלעמטן האר־צען.

די לעבעדיקע מוזן צוערשט זארגן פאר די טויטע, — האט דער גרויסער שווי־גער שיינבערג געזאגט מיט א פארשטיק־טער שטימע, — מען מוז איר ברענגען צו קבורה.

— מיט'ן צלם אויפ'ן הארצן איז דאך געשטארבן א אידיש קינד, — האט דער צווייפלער נייפעלד באמערקט; אויף וועלכן בית עולם וועלן מיר איר באגרא־בען ?

— עס פארשטייט זיך: אויף א אי־דישן, אין מיסליץ, האט דער דאקטאר לע־ווי געערדט שטורמדיק, — אויב אונזע־רע גוטע פריינט, די פאליאקן, רויבן פון אונז אוועק אונזערע פרויען און שוועסטער לעבעדיקערהייט, טא זאלן זיי כאטש אונז איבערלאזן אונזערע טוי־טע. ניימאן מיר וועלן איר טאן איר רעכט.

דער לייטענאנט האט צוגערופן דעם רוסישן פויער — סעמיאן, און אים גע־שיקט צו פאן קאנוויצקי, אים בעטן צו צוגרייטן אלץ וואס עס איז נויטיק פאר א טויט פאל.

מיט אייניקע מינוטן שפעטער האט זיך סעמיאן צוריקגעקערט מיט דער נאכריכט אז פאן קאנוויצקי'ס קארעטע שטייט גע־שפאנט. דער פאן מיט דער פאנענקא, ווי עס שיינט, קלייבן זיך צו פארלאזן דעם שלאס.

די חברים האבן זיך פארוואונדערט איבערגעקוקט.

— ער וויל אנטלויפן ! — האט דער דאקטאר לעווי אויסגערופן, — ער האט זיך געפילט היימישער מיט די רוסן ווי מיט זיינע אייגענע עסטרייכער. זעט איר דען ניט אין דעם פארעטער ?

— ער וועט ניט פארן, — האט רפאל ניימאן געזאגט מיט אן ערנסטער מינע, — צוויי פון אייך בלייבן דא, איך מיט נאך צוויי גייען צו אים.

ווערנד דער שוויגער שיינבערג און מאיר מארגאליס האבן זיך אפגעשטעלט ביי די צוויי טויטע קערפער, איז ליי־טענאנט ניימאן מיט די אנדערע צוויי חברים שנעל געגאנגען צום שלאס. וואו פאר דער טיר איז געשטאנען די קארעטע, אין וועלכער פאן קאנוויצקי און פאנענ־קא יאדוויגא האבן געהאלטן אין ארייג־שטייגן.

— עס איז אויף אייער מאיאנטיק באגאנגען געווארן א דאפלטער מארד, — האט לייטענאנט ניימאן געזאגט צו קורץ, — איר קאנט ניט אוועקפא־רען.

פאן אדאם קאנוויצקי, וועלכער האט געציטערט מיט אלע אברים דערהערנדיק וועגן די קאזאקן, איז אבער געווען שטאלץ מעגן די אייגענע עסטרייכער, איבער־הויפט נאך ווען די דאזיקע עסטרייכער זיינען געווען אידן.

— און ווער וועט עס וואגן מיך צו פארווערן ? — האט דער פאליאק גע־זאגט בייז, — איך בין פאן אדאם קאנ־וויצקי, אן אייניקל פון יאסנא וועל־מאזשני פאן זאמאיסק.

— איך וועל אייך פארווערן, דער לייטענאנט פון דער קייזערלאכער ארמיי, — האט ניימאן געערדט צו אים מיט א שארפער שטימע, — איר וועט אזוי גוט זיין און ארויסשטייגן פון וואגן.

— איך בין דאך ניט אייער געפאנגע־נער ! — האט דער פאליאק ארויסגע־ברומט.

— דיינקט זיך ווי איר ווילט, — האט ניימאן געענטפערט, — איר וועט אבער מוזן ארויסשטייגן.

— און אז ניט ? — האט פאן קאנ־וויצקי אויסגעשריען, און זיין רויטער פנים איז געווארן בלוי פון כעס.

— איך האב אייך געוואלט שוינען פאר אייער טאכטער, — האט לייטע־נאנט ניימאן געזאגט קאלט, — אבער איר צווינגט מיך צו באגיין זיך מיט אייך ווי איר האט פארדינט, טא הערט זשע :

— איר האט זיך ניט געוואלט אפ־שטעלן וועגן דעם דאפל מארד, איז וועל־כען קיינער האט אייך ניט באשולדיקט, וועט איר אבער דא איצט בלייבן וועגן פארראט צו אייער פאטערלאנד. פאר וועלכע עס זיינען פאראן קעגן אייך גע־נוג באוויזען. איר זייט א פארעטער. איר האט אויפגענומען אלס פריינט דעם קאמאנדיר און די סאלדאטן פון דעם שונא. איר זייט ארעסטירט !

פאן קאנוויצקי האט א שפרונג געטאן ווי א גומי באל. די שיינע פאנענקא יאד־וויגא האט ארויסגעשטויסן א גוואלדיק געשריי.

— ווער ? איך ? פאן קאנוויצקי ארעס־טירט ? און פון וועמען ? פון א זשיד ?

רפאל ניימאן איז בלאס געווארן, אין דעם אויגנבליק האט זיך אין זיין האנט געבלישטשעט זיין רעוואלווער.

— עס איז קריגס צייט, — האט ער געזאגט, און זיין שטימע האט געציטערט — און ווען איר פאלגט ניט מיין בא־פעל דערשיס איך אייך גלייך אויפ'ן ארט.

מער האט שוין פאן קאנוויצקי ניט געערדט. ער האט געזעען אז דער אידי־שער לייטענאנט מיינט ערנסט, און ער איז ארויסגעשטיגן פון דער קארעטע.

— אבערסטהענראק איז איצט די מיליטערישע רעגירונג פון פשעמישל, — האט ניימאן פארגעזעצט, — איר וועט איבערגעגעבן ווערן אין זיינע הענט, ער וועט אייך פראצעסירן. — סאלדאטן אהער !

איצט האבן ביי קאנוויצקי'ן זיך אנ־געהויבן בויגן די קני פון שרעק, און ער האט מיט א וויינענדיקער שטימע אנ־געהויבן בעטן אז מען זאל אויף רחמנות האבן; אבער באלד איז שוין געווען אויף דעם פלאץ א קאנוואי פון לייטענאנט ניימאנ'ס סאלדאטן, וועלכע האבן דעם געפאנגענעם האסטיק אוועקגעפירט.

— מיט פרויען מוז מען זיין גאלאנט, — האט רפאל ניימאן איצט זיך גע־ווענדעט צו דער שיינער פאנענקא יאד־וויגא מיט א ביטערן שמייכל. — און דערפאר זייט איר פריי צו גיין וואוהין איר ווילט, כאטש איך האב נאך ניט פארגעסן וואס איר האט מיט מיר גע־טאן, איך וויל אייך אבער ווייזן אז א זשיד איז אלע מאל איידעלער און גע־רעכטער ווי די אריסטאקראטישע פא־ליאטשקעס פון אייער סארט. גייט, און היט זיך אז איר זאלט מיך ניט קומען נאך אמאל אין מיין וועג, דען א צוויי־טען מאל וועל איך ניט זיין אזוי ברייט־הארציק. איך ווארן אייך.

און ניט ווארטנדיק אויף קיין ענטפער פון דער שיינער פאליאטשקע איז ער האסטיק אוועקגעגאנגען מיט זיינע צוויי חברים.

זיי זיינען געגאנגען צוריק צו דער טרויעריקער און בלוטיקער טראגעדיע.

זיי האבן זיך דערוואוסט אז שיינ־בערג און מארגאליס האבן שוין באזארגט אלעס פאר דער לויה.

מיט א שטונדע שפעטער איז די אומ־גליקלאכע נאנע שוועסטער קאטערינא געבראכט געווארן צו דער קבורה אויפ'ן אידישן בית עולם אין מיסליץ.

דאס איז געווען אן עלנדע לויה, פון עלנדע מענשן, וועלכער איז געשטאר־בען אין טיפער עלנד.

אין מיסליץ, פון די איינוואוינער זיי־נען אנטלאפן איז ניט געבליבן קיין חברה קדישא, און די פינף חברים, די מיטגלי־דער פון דעם אקאדעמישן פאראיין, הא־בען אליין געגראבן דעם קבר. און געטאן דער אומגליקלאכער איר רעכט. לייטע־נאנט רפאל ניימאן, וועלכער איז אמאל געווען א ישיבה בחור, האט אויפ'ן קבר פון אומגליקלאכער אידישער נאנע גע־זאגט קדיש און געמאכט א קורצן הס־פד.

שטיל, יעדער פארזונקען אין טרויע־ריקע געדאנקען, האבן די חברים פאר־לאזט דעם בית־עולם.

— פארגעסן ניט אן מיין אומגליקלא־כער שוועסטער גיטל, — האט מאיר מאר־גאליס דערמאנט ניימאנ'ען. — געדיינק, אז זי איז אין קלויסטער, און אז איר דערווארט פילייכט דער שרעקלאכסטער שיקזאל פון דער אומגליקלאכער נאנע מלכה.

ניימאן האט א ציטער געטאן.

— יא, — האט ער געענטפערט מיט אימפעט, — דאס וועט קיינמאל ניט זיין, גיטל מוז פריי ווערן.

אין א קליינעם וועלדל, ניט ווייט פון מיסליץ, האבן די חברים צווישן זיך אפ־געהאלטן א קריגס־בעראטונג און יעדער האט ארויסגעזאגט זיין מיינונג ווי אזוי צו באפרייען גיטלען פון קלויסטער.

לאמיר לאזן די יונגעלייט דיסקוטירן די פארשיידענע פלענער ווי אזוי צו בא־פרייען גיטלען און דערווייל וועלן מיר זיך אומקערן צום אלטן פאפ אנאפאן, וועלכער איז פארשיקט געווארן אין טיף רוסלאנד.

קאפיטל 23

אומזיסט האט דער אלטער פאפ אנא־פאן געווארט אויף א בריוו פון זיין אי־דישן פריינט ר' שמשון ר' יודל'ס פון לאצק.

אין דעם דערפל מיכאילאווקא א י ן וויאטקער גובערניע, וואוהין ער איז פארשיקט געווארן אלס פארברעכער דער־פאר וואס ער איז געווען פריינטלאך צו אידן — אין יענעם אפגעלעגענעם דערפל האט דער פאטער אנאפאן זיך געפילט אזוי ווי אפגעשניטן פון דער וועלט.

ער האט ניט געקאנט זיך פארבונדן מיט די איינוואוינער פון דארף, וועלכע זיינען געווען האלב טשוקטשעס, האלב טונגוזן, כמעט אין א ווילדן צושטאנד, און וועלכע האבן פיינט געהאט יעדן גלח, כאטש זיי זיינען פאנאטיש - פרום.

פאר א ציוויליזירטן מענשן איז כמעט ווי אוממעגלאך געווען צו וואוינען צווישן אזעלכע מענשן; סיידן מען האלט זיך פון זיי איינגאנצן אפגעזונדערט. און דאס האט אויך געטאן פאטער אנאפאן וועלכער האט געלעבט אין זיין הייזקע גאנץ אליין אזוי ווי א נזיר.

(פארזעצונג קומט)

קווינס טעאטער

שענסטע אפערעטע — גרעסטע פראדאקשאן

פרייטאג און שבת אוונט, פעברואר דעם 21טן און 22טן

צום ערשטן מאל אין וויניפעג, ניו יארקס גרעסטער סוקסעס

לואיס קרעמער — פלארענס ווייס — משה אוישער

אלס

18 נומערן געזאנג — "רחל'ע" — 50 מענשן אויף דער בינע

אפערעטע אין 2 אקטן מיט א עפילאג אויפגעפירט פון משה אוישער

— באזארגט זיך שוין מיט טיקעטס —

זונטאג אוונט דער גרעסטער קאנצערט פון סעזאן

מארגן

וועט זיין אפן דער באקס אפיס אין וויניפעג פיאנא קאמפאני

פאר

איווא ניידיטש
פיאנא קאנצערט

סענטראל טשורטש

דינסטאג, פעברואר 25טן

8.30 אוונט

בילעטן, $1.50 און $1.00

אידישע נייעס

דערגאנגען א מיאוס'ן סוד צוליב א חלום

אין ווארשע האט פאסירט אזא געשיכ־טע :

אויף גראניטשנא 7, האט יארן לאנג געוואוינט א זקן ר' יצחק אייזנבינדער. דאס איז געווען א איד ניט קיין גרויסער למדן אבער גאר אן ערלאכער און אפגע־היטער איד.

מיט א צייט צוריק איז דער דאזיקער איד אוועק צו הרב ריאטשעוואל און זיך אנגעקלאגט : ער האט ניט קיין איבעריק נחת פון זיינע קינדער, וועלכע גייען ניט אין אידישן וועג, און ער וואלט וועלן, אז דער רב זאל אים שאפן א יונגערמאן, פאר געלט נאטירלאך, וואס זאל מיט אים לער־נען "משניות".

מען האט אים געגעבן א יונגערמאן פון ראדזימינער רבינס ישיבה. אפלערנע־דיק עטלאכע חדשים, זיינען ביידע סיי דער זקן און סיי דער יונגערמאן, קראנק געווארן. דער זקן איז געשטארבן אין אט־וואצק און מען האט אים געבראכט קיין ווארשע.

ביים קבר האט אי סדעם רב'ס סעק־רעטאר, ה. פינגערהוט, מספיד געווען, און דערציילט, אז דער זקן האט זיך פאר אים געקלאגט וועגן די קינדער . . .

איינער פון די זין האט זיך דאן זייער שטארק צעוויינט און צוגעזאגט, אז ער וועט שוין בעסער ווערן. אין א צוויי וואָ־כען ארום האט זיך דעם ה' פינגערהוט אויסגעדוכט ,אז דער מת קומט אים צו חלום און זאגט אים :

"איך האב ניט קיין רו אין קבר, גיי אוועק אויף דזשיקא 27, און דארטן וועס־טו טרעפן מיין זון ביי זייער ניט שיינע זאכן".

פינגערהוט איז צומארגנס אוועק אויף דעם דערמאנטן אדרעס. דא האט זיך די פרוי פונ'ם פארשטארבענעמ'ס זון זייער באקלאגט און דערציילט, אז איר מאן גע־פינט זיך אויף דזשיקא 27 ביי זיין כלה, און אלץ וואס ער פארדינט טראגט ער אהין אוועק.

ה' פינגערהוט איז גלייך אוועק אויף דזשיקא 27, און האט דארט געטראפן דעם זון מיט זיין כלה.

ה' פינגערוט האט אים דערציילט וועגן דעם חלום. דער זון האט געגעבן תקיעת כף, אז פון היינט אן גייט ער צוריק צו זיין ווייב און קינדער.

ער האט געהאלטן ווארט און איצט צאלט דער זון געלט א יונגערמאן, ער זאל לערנען "משניות" פאר דער נשמה פון זיין טאטן.

עס איז א גוטע געוואוינהייט

צו שפארן א טייל פון אייער איינקונפט רעגלמעסיק און אוועקלייגן עס אין א זיכערן פלאץ וואו עס וועט וואקסן

4½%

פער אנום צו אייער סיי־ווינגס. אינטערעסט צו־זאמענגעשטעלט האלב־יערלאך אויף די פאקטי־שע סומען צו אייער קרעדיט פון צייט צו צייט. פאזיטיווע זי־כערקייט.

פול באצאלטער קאפיטאל _ $6.000.000

עסעטס און רעזערוון איבער $7.500.000

סייווינגס פאנדן אינוועסטירט בלויז אין ערשטע קלאסיק געזיכערטע באנדס און פרעפערד סטאקס.

A. R. McNICHOL Ltd.

Head Office 288 Portage Ave. Phone 80 388 — North End Branch 925 Main St. Phone 56 956

זעט אונז אויך פאר

אינשורענס — ריעל עסטייט

מארטגעדזש לאאנס רענטאלס א. א. וו.



איך, אייער אלטער באקאנטער

משה גאלסקי

פון 43 דערבי סט.

עפן ווידער מיין בוטשער שאפ שבת ביינאכט

פעברואר 22

און וועל פארקויפן דאס בעסטע פלייש 15 סענט א פונט, און קעלבערנע 18 סענט א פונט. איך בעט אלע מיינע פריינט און באקאנטע מיך צו פאטראניזירן.

משה גאלסקי, 43 דערבי סטריט

וואס גלייכט א מאן ?

ער גלייכט זיך אפרוען — און באקוועמ־לאכקייט. דאמאלסט וועט ער הנאה האבן פון א קאפ פ ר א י ' ס — עס וועט בא־רואיקן זיינע נערוון, און פארזיכערן רואי־קען שלאף און וועט אים פאסנד צוגרייטן פאר דעם נעקסטן טאג ארבעט . . . . . .

שרייבט פאר פרייען רעסיפי בוך.

279

J. S. FRY & SONS (Canada) Limited, Montreal, Que.

היינט אויף דער ראדיא

CKY 780

7.00—עווערעדי שטונדע, טשיין פון טא־ראנטא.

8.00—טשאקאלאר שטונדע, טשיין פון טאראנטא.

CNRW 780

וויניפעג

9.00—סי. ען. אר. טראנסקאנטינענטאל נעטווארק.

CJRW 499.7

פלעמינג

5.40—מוזיק.

6.00—אנקל פיטער.

8.00—ברידזש גיים.

8.30—מעלראז טריא.

9.00—אוירל היל און זיין ארקעסטער.

WLW 700

5.30—סינסינאטי. קאנצערט מוזיק.

KDKA 980

5.30—פיטסבורג. בענד קאנצערט. באנ־קעט מוזיק.

KFAB 770

5.30—לינקאלן. ארקעסטער.

WTAM 1070

7.00—קליוולאנד. זונשיין ארטיסטן שעה געזאנג.

8.00—קליוולאנד. געזאנג.

KMOX 1090

9.00—סט. לואיס. פראגראם.

WEAF 660

9.00—ניו יארק. קאלומביא וויקטאר פראגראם

WCCO 810

9.30—מינעאפאלים, סט.־פאול. טעאטער קלאסיקס.

WLW 700

9.30—סינסינאטי. ארקעסטער.

WEAF 660

10.00—ניו יארק. "ראמעא און יוליא."

WHK 1390

10.00—קליוולאנד. ארקעסטער.

WGN 720

10.30—שיקאגא. ארקעסטער.

KYW 1020

10.45—שיקאגא. טאנץ מוזיק.

WLW 700

11.00—סינסינאטי. קלאסישע מוזיק.

WTAM 1070

11.00—קליוולאנד. פיטשור; טענץ.

NEW PALACE THEATRE

היינט, מארגן און שבת

דאס מיידל פון וואלווארטס

רייידנדיק, זינגענדיק, טאנצנדיק בילד אויך קאמעדיע, סעריאל, פאבלען

"רחל'ע" אין קווינס טעאטער

פרייטאג און שבת אוונט, פירט אויף די קווינס טעאטער טרופע צום ערשטן מאל אין וויניפעג די זייער אמוזירנדיקע אפערעטע "רחל'ה", אין 2 אקטן מיט א עפילאג.

לואיס קרעמער, פלארענס ווייס און משה אוישער שפילן די הויפט ראלן מיטן אנטייל פון דער גאנצער קאמפאני. צוליב דער דאזיקער אויפירונג האט די קווינס טעאטער טרופע אראנזשירט א טייל פון דעם וויניפעגער אידישן געזאנגס פאראיין וואס וועט זיך באטייליקן אינ'ם כאר. ווי אויך א דאפלטן ארקעסטער. די טרופע באמיט זיך לויט אלע מעגלאכקייטן אונ־טער־די אומשטענדן, אויפצופירן די אפע־רעטע "רחל'ע" אזוי גוט ווי מעגלאך און די קווינס טעאטער פאטראנאזירער דער־ווארטעט צוויי העכסט אמוזירנדע אוונטן.

—(::)—

אין פעלעס טעאטער

היינט, מארגן און שבת ווערט געוויזן אין פעלעס טעאטער "דאס מיידל פון וואלווארטס", מיט עלים ווייט אין דער הויפט ראל. 'דאס מיידל פון וואלווארטס' איז א העכסט שפאנענד און אמוזירנדיק בילד, דורכאוים רייידנדיק, זינגענדיק און טאנצנדיק. עס ווערט אויך געוויזן א ריי־דענדיקע קאמעדיע, סעריאל און פאבלען.

די ערשטע דריי טעג פון קומענדיקער וואך וועט געוויזן ווערן "שמייכלענדיקע אייריש אויגן", א דורכאוים רייידנדיק, זינגענדיק און טאנצנדיק בילד, מיט קאלין מור אין דער הויזט ראל. אויך א רעדנ־דיקע קאמעדיע און רייידנדיקע נייעס.

ראזע קאלינסקי ע"ה

מיר דריקן אוים אונזער טיפ־סטען מיטגעפיל צו די פאמילי־עס קאלינסקי און ברענד אויף דעם פריצייטיקן טויט פון זיי־ער מאכטער און שוועסטער. זייט געטרייסט און איר זאלט מער פון קיין צער ניט וויסן.

מר. און מרס. סעם בראנשטיין און פאמיליע

ראזע קאלינסקי ע"ה

צו חבר'טע ברענה, איר מו־טער און צו די קאלינסקי פא־מיליעס דריקן מיר אוים אונזער מיטגעפיל אין זייער גרויסן פארלוסט. מיר ווינשן זיי גע־טרייסט צו ווערן און מער פון קיין צער ניט וויסן.

מוטער פאראיין פון ארבעטער רינג שול

קלאסיפייד סעקשען — Classified Section

ספעציעלע פרייזן פאר אדווערטייזינג אין דער קלאסיפיצירטער אפטיילונג :

איין מאל, 5 ס. פער "אגייט ליין"	פאר 3 מאנאטן, $2.15 "
פאר א וואך, 20 ס. "	פאר 6 מאנאטן, $4.00 "
פאר א מאנאט, 75 ס. "	פאר 1 יאר, $7.50 "

:: צו פארקויפן :: FOR SALE

5 רום קאטעדזש, גוטער לאקיישאן אויף אבערדין, מאדערן, ערשט־קלאסיקער קאנדישאן. פרייז $2,800.

8 רום פולי מאדערן הויז, אויף איינעם פון די שענסטע קארנערס אין נארט ענד, 66 פוס לאט, דאבל גאראדזש. ניי דעקא־רירט, הארדוואוד פלארס. פרייז $6,000.

באנגאלאו, שערבורן סט., ערשט בא־צאלט $6,600, מוז פארקויפן פאר בלויז $5,100.

אויב איר ווילט א הויז, זעט

ה. פערלמאן, י. יאן, נ. זעלטשען

MUTUAL AGENCIES

796 Main Street — Phone 51 000

צו פארקויפן א דזשענעראל סטאר מיט א קליינעם סטייפל סטאק. $2,500 קעש, בא־לאנס אויף מאנאטלאכע טערמינען. נאך מער איינצעלהייטן זיך ווענדן צו דאס אי־דישע ווארט באקס 7286.

צו פארקויפן פוירניטשור, כמעט ניי. דיינינג רום סעט, עלעקטריק לאמפ. גרא־מאפאן און א. וו. זיך ווענדן אין 273 מעקגרעגאר סטריט.

פעברואר סנעפס

אפארטמענט הויז פון 4 סוויטס, ברייננגט אריין $145 א מאנאט רענט, טעקסעס בלויז $172 א יאר. פרייז — $9,000. קעש, $2,000.

6 רום באנגאלאו אין קאטידראל עוועו. מיט אלע מאדערנע איינריכטונ־גען, אוק פינישינג, פייער פליים. פרייז $4,200. א גרויסע מציאה.

8 רום הויז, סאליד בריק, פולי מא־דערן, אין פוירסט קלעס קאנדישאן, הייסע וואסער באהייצונג. פרייז — $4,500.

5 רום סוויט אין גלאב אפארטמענט קאר. סט. דזשאנס און מיין סטריט. רענט $45.

Sheps Agencies Ltd.

804 מיין סטריט

טעלעפאנס 761 55 און 807 53

:: צו פאררענטן :: FOR RENT

צו פאררענטן א שיינע און ליכטיקע רום, מיט אדער אן פוירניטשור. זיך ווענדן אין 433 בעראוס עוועניו.

א סוויט פון 3 רומס אין א פריוואטער הויז. ניי דעקארירט. הייסע וואסער בא־הייצונג. אריינצוציען דעם 1טן מארטש. פרעגן 420 מאניטאבא עוועניו.

צו סובלעטן א פריוואטן אפיס, מיט'ן גע־ברויך פונ'ם אלגעמיינעם אפיס, סטענא סערוויס. זיך ווענדן אין 709 מיינינג עקסטשיינדזש בילדינג.

סעלקירק עוועניו, ארום סאלטער סטריט, סטאר מיט 4 ליווינג רומס אויבן, ניי דעק־ארירט, אין ערשט קלאסיקן צושטאנד; רענט $30 א מאנאט. באלדיקער באזיץ.

LOWERY BROS. LTD.

346 Somerset Bldg. — Phone 26 304

:: פערזענלאכעס :: PERSONAL

PROF. SCOTT — 88 106

290 פארטעדזש עוו. איבער לייסאום טעאטער נייסטע בעסטע פאקס טראט און וואלץ סטעפס קלאסן און סטריקטלי פריוואטע לעסאנס. פולער קורס פון לעסאנס $5.00

אנדערוואוד

טראגבארער—טייפרייטער
4 בענק סטאנדארד קיבארד
געשיקט אויף אפרואוואל
זייער לייכטע טערמס

UNITED TYPEWRITER CO. LTD.
Canada Bldg. — Donald St.

סעקאנד הענד סייפס און וואולט טירן, האלב פרייז. סייפס געעפנט און פאררי־כטעט. קאמבינייישאנס געענדערט (אלע סארטן סייפס).

CANADIAN DIEBOLD SAFE CO.
183 Notre Dame E., Winnipeg, Man.

איבערגעבויטע טייפרייטערס

גאראנטירט. שרייבט פאר אילוסטרירטן פרייז ליסט.

פרייער אינסטרוקציע בוך וועגן טייפריי־טינג געגעבן מיט יעדן איינקויף. קלינינג און ריפערינג פינקטלאך געמאכט. ספעציעל רענט רייטס פאר סטודענטן

MODERN OFFICE APPLIANCES LTD.
249 Notre Dame Ave. — Phone 24 783

געלט !

פאר אייערע באלדיקע נויטן

$50 ביז $500

צוועלף מאנאטן צו באצאלן עס צוריק. ריזאנייבל רייטס. פינקטלאכע באדינונג. שטרענג פארטרויאלאך

אפן טעגלאך ביז 7.30 נאכמיטאג.

General Loan and Insurance Agency
718 Somerset Block, Winnipeg
Phone 24 789

אייער אלטע מעבל געמאכט ניי

און טאקע ביי אייך אין דער היים בעסטע ארבעט פאר ביליקסטע פרייזן. רופט מיך אפ

23 629

בעשעפט _ געלעגנהייטן — Business Opportunities

סיטי מילינערי

צוציענדיקער סטאק און פיקסטשורס פאר זייער א נידעריקן פרייז, $650. גוטער לא־קיישאן. טערמינען צו פאראנטווארטלאכן קונה. באלדיקער באזיץ.

סטאר און קאטעדזש, נארט ענד, אויף קאלעדזש עווע. אייגנטימער וואלט גע־וואלט בייטן אויף א קאטעדזש אין יעדער גוטער געגנט אין שטאט.

JOHN A. BRADLEY & CO.
708 Boyd Bldg. — Phone 23 725

:: שטעלע פארלאנגט :: SITUATION WANTED

א אידישע אינטעליגענטע מיידל פאר־לאנגט א שטעלע אין א קאנטרי דזשענע־ראל סטאר, האט עקספיריענס אין דזשע־נעראל ביזנעס, רעדט רוסיש, ענגליש און רומעניש. זיך ווענדן צו דאס אידישע ווארט באקס 7294.

* לייענט "דאס אידישע ווארט", אייער איינציגע צייטונג, געדרוקט אין אונ־זער אייגענער שפראך, פאר אונזערע אייגענע אינטערעסן פארשפרייט אין אלע אידישע היימען פון וויניפעג און מערב קאנאדע. *

אין אלע אנגעלעגנהייטן פון פרינטינג - און - אדווערטייזינג ווענדעט זיך צו דאס "אידישע ווארט"

165 Selkirk Ave. — Winnipeg, Man.